STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05999

VUNDIKER BITOHN

Hirsh Osherowitch

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

הירש אָשעראָוויטש

ווונדיקער בטחון

אַרויסגעגעבן מיט דער הילף פון

קרן תּל־אָבֿיבֿ לספרות ולאמנות ע"ש יהושע רבינוביץ,
ייִדישן ליטעראַטן־ און זשורנאַליסטן־פאַראיין אין ישׂראל,
הילפספאָנד פאַר ייִדיש־שאַפונג פון קרן „ישׂראל־בוך".

הירש אָשעראָוויטש

ווּנדיקער בטחון

לידער און פּאָעמעס

פאַרלאַג „ישׂראל-בוך"
הילפספאָנד פאַר יִידיש-שאַפונג
תל-אָבִיב, תשמ"ז — 1987

HIRSH OSHEROWITCH / WUNDIKER BITOKHN

Poems

Publishing-house Israel-Book, Tet-Aviv, P.O.B. 1777

הירש אָשעראָוויטש / ווונדיקער בטחון

לידער און פּאָעמעס

פֿאַרלאַג „ישׂראל־בוך“, תּל־אָבֿיבֿ, רח׳ איתמר בן־אבֿ״י 4

©

כל הזכויות שמורות

Hirsh Osherowitch, 13 Byron str., 63 411 Tel-Aviv, Israel

Printed in Israel 1987 נדפס בישׂראל

דפוס „אורלי“ — פרידמן, תל־אביב, טלפון 372062



װעגן מחבר

הירש אָשעראָוויטש איז געבוירן דעם 25סטן יוני 1908 אין פּאָנעוועזש (ליטע) בײַ זײַן פֿאָטער שלום, אַ שיפֿקאַנטאָר־אָנגעשטעלטן, און מוטער לאה (געבוירענע קאַרב). אין יאָר 1928, פֿאַרענדיקט די פּאָנעוועזשער העברעיִשע גימנאַזיע, קומט אָשעראָוויטש אָן אין קאָוונער אוניווערסיטעט לערנען יוריספּרודענץ. אין יאָר 1933 פֿאַרענדיקט ער דעם יורידישן פֿאַקולטעט. פֿון יאָר 1934 ביזן אויסבראָך פֿון דער צווייטער וועלט־מלחמה אַרבעט ער אין פֿאַרשיידענע צײַטונגען (די לענגסטע צײַט אין קאָוונער „די אידישע שטימע"). שוין דעם 22סטן יוני 1941 פֿאַרלאָזט ער קאָוונע, וואָגלט איבער פֿאַרשיידענע שטעט פֿונעם סאָוועטן־פֿאַרבאַנד (סאַראַטאָוו, נאָוואָסיבירסק, מאָסקווע און אַלמאַ־אַטאַ. אין דער לעצטער געפֿינט ער זיך במשך די גאַנצע צײַט פֿון דער מלחמה). סוף יאָר 1944 קערט ער זיך צוריק קיין ליטע און באַזעצט זיך אין ווילנע. דעם 2טן יולי 1949 ווערט ער אַרעסטירט און „פֿאַרמישפּט" אויף 10 יאָר פֿאַר „אַנטיסאָוועטישער, נאַציאָנאַליסטיש־ציוניסטישער טעטיקייט". נאָך 7 יאָר פֿאַרשפּאַרט זײַן אין פֿאַרשיידענע צוואַנגלאַגערן ווערט ער (אין יוני 1956) באַפֿרײַט. ער קערט זיך צוריק קיין ווילנע, ווו ער פֿאַרנעמט זיך אויסשליסלעך מיט ליטעראַרישער שעפֿערישער אַרבעט ביז צום סאַמע טאָג פֿון זײַן עולה זײַן.

אָשעראָוויטש האָט אָנגעהויבן שרײַבן יונג, אָבער פּובליקירן זײַנע לידער אין דער פּעריאָדיק און אין אַלמאַנאַכן — ערשט אין יאָר 1934. אין יוני 1941 איז אין ווילנע אָפּגעדרוקט געוואָרן זײַן זאַמלונג לידער „באַגינען". די אויפֿלאַגע פֿון דאָזיקן בוך איז אַרײַנגעפֿאַלן אין די הענט פֿון די נאַציס. אין יאָר 1947 איז אין מאָסקווע דערשינען זײַן בוך פּאָעמעס און באַלאַדעס „פֿון קלעם אַרויס". אין 1962 — דאָס בוך לידער און פּאָעמעס אין דער רוסישער איבערזעצונג „מײַן גוטער קליאָן"; אין יאָר 1964 איז אין ווילנע דערשינען זײַן בוך לידער און פּאָעמעס איבערגעזעצט אין ליטוויש „דער האָניק פֿון דערקענטעניש". אין יאָר 1968 אין ווילנע — דאָס בוך לידער און פּאָעמעס „די הייליקע טאָג־טעגלעכקייט" און אין יאָר 1969 אין מאָסקווע — דאָס בוך לידער און פּאָעמעס „זונענגאַנג". דעם 18טן נאָוועמבער 1971 איז הירש אָשעראָוויטש מיט זײַן פֿרוי רבקה (געבוירענע שמוקלער) עולה קיין ישׂראל. אין יאָר 1972 באַקומט ער די יעקב פֿיכמאַן־פּרעמיע פֿאַר ייִדישער ליטעראַטור, אין יאָר 1973 באַקומט ער די פּרעמיע פֿון פֿאַראיין פֿון ייִדישע שרײַבערס אין ישׂראל. אין זעלבן יאָר דערשײַנט אין י. ל. פּרץ־פֿאַרלאַג זײַן בוך לידער און פּאָעמעס „צווישן בליץ און דונער". פֿאַרן דאָזיקן בוך ווערט אים אין ניו־יאָרק צוגעטיילט די יעקב גלאַטשטיין־

פּרעמיע. אין יאָר 1974 דערשײַנט אין תּל־אָביב אַשעראָוויטשעס פּאָעמע „מײַן פּאַנעוועזש“ (אַרויסגעגעבן צוזאַמען מיט אַברהם שלאָנסקיס געמאַכטער איבערזעצונג אין עברית — „פּוניבז׳ שלי“). אין יאָר 1975 דערשײַנט אין פֿאַרלאַג „המנורה“ זײַן בוך לידער און פּאָעמעס „אין דער וועלט פֿון עקדות“, וואָס ווערט פּרעמירט אין פּאַריז מיט דער זכריה גאַנאַפּאָלסקי־פּרעמיע. אין זעלבן יאָר ווערט אין פֿאַרלאַג „הקיבוץ המאוחד“ אַרויסגעגעבן דורכן העברעיִשן שרײַבערס־פֿאַראיין אַשעראָוויטשעס זאַמלונג לידער איבערגעזעצט אין העברעיִש „אוחז הליל סכּין כּחולה“ („עס האַלט די נאַכט אַ בלויען מעסער“). אין יאָר 1977 דערשײַנט אין פֿאַרלאַג „ישׂראל־בוך“ זײַן בוך לידער און פּאָעמעס „געזאַנג אין לאַבירינט“, וואָס ווערט פֿון דעם ייִדישן צענטראַל־קאָמיטעט אין מעקסיקע פּרעמירט מיט דער פֿערנאַנדאָ כּענאַ־פּרעמיע. אין יאָר 1977 באַקומט הירש אַשעראָוויטש די מאַנגער־פּרעמיע. אין יאָר 1979 דערשײַנט אין פֿאַרלאַג „רשפֿים“ זײַן בוך „תּנך־פּאָעמעס“ און אין פֿאַרלאַג „ישׂראל־בוך“ — זײַן בוך לידער און פּאָעמעס „בלויע בומעראַנגען“. אין יאָר 1981 ווערט אין פֿאַרלאַג „ישׂראל־בוך“ אַרויסגעגעבן הירש אַשעראָוויטשעס בוך לידער „בײַם עץ־הדעת“. אין אַפּריל 1983 באַקומט ער דעם ליטעראַטור־פּרײַז א״נ פֿון מאיר־זימל טקאַטש (ניו־יאָרק). אין דעצעמבער 1983 באַקומט הירש אַשעראָוויטש די פּרעמיע פֿון ראש־הממשלה פֿון מדינת־ישׂראל. אין 1987 איז אין פֿאַרלאַג „ישׂראל־בוך“ אַרויס זײַן בוך לידער און פּאָעמעס „וווּנדיקער בטחון“.

פֿאַרלאַג „ישׂראל־בוך“

תּל־אָביב, 1987

די באַק טראָגט אָט אַ שמייכל, אָט אַ טרער,
דעם שטערן רונצלען סטעזשקעס פונעם דענקען,
שוואַרצאַפּלען גלימצערן, דערוואַרעמט פון באַגער
און בלײַבן שטאַרן מאַט בשעתן בענקען.

ווער זאָגט באַדויערדיק:
„ס'איז צײַטווײַליק! פאַרגייִק!״ ?
און דאָס, וואָס דויערדיק,
איז דען באַשטייִק ?

יעדן אינדערפרי...

יעדן אינדערפרי
קומט פון ס'נײַ דער „יהי אור!״
(עלעהיי פון זיך אַליין —
אָן אַ ווערן פון גאָטס וואָרט באַשאַפן).
יעדן, יעדן אינדערפרי
שטראַלט ער אויף דער „יהי אור!״
לויכטנדיק, אַנטפּלעקנדיק,
מיט דער פרישקייט פון אַן ערשטיקייט —
נשמה פון אַיעדן וווּנדער...

יעדן, יעדן אינדערפרי
קומט ער, דער געגאַרטער „יהי אור!״,
ברענגט די גרויסע פרייד
פון טײַערן געפּין־יום־טובֿ — דעם ווידער!
פרייט דאָס האַרץ זיך,
פרייט זיך, פרייט זיך... ווערט באַטריבט
פון דערמאָנען זיך, אַז ער אַ העלפּט איז
פון בסדרדיקן „ויהי ערבֿ, ויהי בוקר״...

תל־אָביב, נאָוועמבער 1984

הירש אשעראָוויטש

מיר, די זין פון אַ זיך וואַקלענדיקער וועלט

מיר, די זין פון אַ זיך וואַקלענדיקער וועלט,
מיר, די זין פון אַ פאַרבײַפליִיקער צײַט,
האָבן קונציק פאַר כּל־יכולס זיך פאַרשטעלט
און פאַרמינערט אונדזער מענטשישן באַטײַט.

געוואָרן זײַנען מיר אי גרויס בײַ זיך אי קליין,
צוויי לאַפּיטוטן האָבן זיך אין אונדז באַזעצט
וואָס יעדערער טוט אויף דאָס זײַניקע באַשטיין
און ס׳ביסל, וואָס נאָך געטלעך איז אין אונדז, פאַרגעצט...

אַוודאי זײַנען מיר מיט אויפטועך באַקריינט,
אַוודאי זײַנען מיר מיט דורכפאַלן באַפלעקט;
צו די געזימסן פון די חולשות אונדזערע געוויינט,
מיר האָבן זיך אויף זיי ווי די לונאַטיקערס באַוועגט...

מיר זײַנען זין פון אַ זיך וואַקלענגדיקער וועלט,
מיר זײַנען זין פון אַ פאַרבײַפליִיקער צײַט,
און כאָטש אַצינד איז שוין פון שטיין אונדזער געצעלט,
איז אונדזער שוץ אין דעם ווי הינטער פאַרהענגלעך פון זײַד.

תל־אָביב, מאַרץ 1982

וווגדיקער בטחון

צום מענטש פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט

ווו זײַנען געבליבן דײַנע געטער,
וואָס פאַר זיי האָסטו פאַרטריבן גאָט?...

אײפּערדיקער יושר־זוכער, פּורץ־גדר
(וואָס ווערסט גיך צו זיך דער אַנטיפּאָד),
דו זשאָנגלירן מיט הצלחות ביסט אַ בְּרִיָה,
אָבער צו דײַן גדולה ניט דערוואַקסן ביסט;
פּראָווועסטו דײַן אויסלייזער־מיסטעריע,
גלאָצסט צו שטערן און פאַרבלײַבסט אַ שוכן־מיסט.

זיך דערוואָרבן אויף באַרימטקייט סמיכה,
שאַפסטו וווּנדערס און פאַרשלײַדערסט זיי אין העל...
חריפות, אויפטו, פירערדינערײַ, רציחה —
דײַן נשמהס טהרה־טומאה־קאַרוסעל.

תל־אָביב, מײַ 1981

הירש אשעראָוויטש

אין וועג

גיי ניט אַוועק אַזוי ווײַט פון זיך,
קענסט נאָך חלילה דעם וועג צוריק ניט געפינען.

אויב דער מענטש פאַרמאָגט אַ זיכערע היים,
איז זי דאָך נאָר ער גופא,
טאָ ווי דערוועגסטו זיך
פון דײַן איך זיך צו דערווײַטערן?

די רויטע ווײַמפּערלער — ווייטיק
צײַטיקן אין דײַן געמיט,
קרים זיך ניט: זיי זײַנען זויער.
זיסקייט איז דען גינציקער?

די פאַרשלייערטע קראָפּעווע — בענקשאַפט
איז פאַרגלייווערט גרין פײַער,
וואָס זשע ציט דיך אַזוי צו איר?

פּאָדער ניט פון זיך צו פיל
און זײַ ניט צו גרינג זיך מוחל.
גיי דײַן וועג און ווייס,
אַז די מײַלסלופּעס פונעם לעבן
זײַנען פונעם סאַמע בראשית אָן
ראָז און שוואַרץ געפאַרבן.

תל-אָביב, יאַנואַר 1982

לירישע סך־הכּלען

יאָרן לאַנג געשעפּט פון ברונעמס און פון קוואַלן,
און אַלץ איינס ניט אָנגעפילט די כּלים.
דאָך סײַ ווי בין איך, דער הדיוט, אַלץ אַ בעלן
גובֿר זײַן מצוקים און אֶראֶלים.*

וויפל שטערן האָבן גינציק מיר געפינקלט,
און איך האָב זיי אַלע אָנגעווווירן;
מיט אַזוי פיל שוואַכקייטן אַרומגערינגלט
איז ניט שייך זיך צו פילן אַ בן־חורין.

קאָן דען דער באַשעפער מיטשפּירן די ווייען
וואָס ער איז זײַנע באַשעפענישן גורם?
מחנות פון פאַרשווינען ימח־שמיה׳ען
פאַלן, מעשׂה רעכטפאַרטיקע, כּורעים,

מיינען, אַז זיי וועלן גאָט, ווי זיך, גענאַרן
מיט די זייפבלאָזן — די ריטואַלן,
אָבער אויך אונטער צילינדער, קרוין, טיִאַרע
שטעקן פּרצוף־פּנימער פון קאַניבאַלן.

ווער האָט אויסגעטראַכט: די צײַט וועט אַלץ פאַרהיילן?
ניט פאַר אַלעמען איז זי דער בעסטער רופא.
ס׳איז קיין סוד ניט, אַז אין דער נשמהס הײלן
איז די שרעק דער האָפענונגס אַ קרובֿה.

---

* אֶראֶלים — מלאכי מעלה, מצוקים — גדולי מטה.

אונ דער צווייפל רײַסט מיט ציין פון אַן אַקולע
(דווקא האַרצפּלייש איז זײַן ליבסטער ביסן),
קומט דערפון דאָך אונדזער טרייפע תורה־כּולה
וואָס באַרעכטיקט אונדזער קרום און לאָם געוויסן...

יאָרן לאַנג געשעפּט פון ברינעמער און קוואַלן,
און ניט אָנגעפּילט אַפילו אַ קליין קריגל,
צו אַזוי פיל נעמען צוגעגעבן ז״לן
זיך אַליין דערזען ווי אין אַ קרומען שפּיגל.

תּל־אָביב, נאָוועמבער 1982

אויפֿן קאַפּריזנעם שטראָם פֿון לעבן

געדענקסטו נאָך די טעג, ווען ביסט געווען אין אַלצדינג זיכער?
אַצינד, ווען ס'זעט דיר אויס, אַז עבֿט איז נאָר דער צווייפֿל,
דו ווייסט שוין, אַז באַהערשסט ניט מער די וועסלעס און דעם רודער,
און כוואַליעס פֿלייצן זיך פֿאַרגיסן דײַן געביין...

און דאָך שווימסטו אַרום אויף דעם קאַפּריזנעם שטראָם פֿון לעבן,
כאַפּסט חיי־שעה פֿון אַ באַרקאַראָלעדיק זיך הוידען
און שלעפּערסט אײַן דײַן שרעק פֿאַר קומענדיקע הוראַגאַנען...

ס'קען גרײַלער זײַן, גערעכט איז טאַקע דער וואָס פּסקענט,
אַז ס'וואָלט אַ חטא זײַן, מע זאָל וואַרפֿן דיר אַ רעטונגס־בייגל.

תּל־אָבֿיבֿ, יאַנואַר 1986

■

איך ווייס גאָר ניט צי עס איז רעכט, זײַן אַלע מאָל גערעכט,
ס'קאָן זײַן, ס'איז דווקא אַ מדרגה ניט צו זײַן עס.
צו וואָס פאַרליאַפּען מיט געקינצלטקייט דאָס עכטס
און האָבן נאָך צו דער השגחה טענות?

איך זאָג אַן אויפריכטיקן „כ'ווייס ניט אויף געוויס",
באַוואָרן זיך נאָך מיט אַ שיצנדיקן אפשר
וואָס איז באָדײַ האַלב עוֹבדה, דרײַ פערטל קאַפּריז,
און, וואָס ניט האָבנדיק דערויף קיין סמיכה גאָר, כ'גיב אים אַ הכשר.

אָ, ער — דער זשעדנער חטא פון וועלן שטענדיק זײַן גערעכט,
דאָס שענסטע, וואָס אין אונדז, ער קאַלטבלוטיק פאַרקלײנלעכט,
די אָרנטלעכקייט ער — אַ קרבן־חטאת שעכט,
דאָס סאַמע נסימדיקסטע ציניש פאַרגעווײנלעכט...

טאָ זאָל זשע אונדז, די אומבאַהאָלפענע, ניט זײַן לגנאַי,
וואָס מער ווי אָפט מיר לײַכטזיניק פאַרקערעווען קאַפּויער.
אויך ווען ס'זאָל אונדז באַשערט זײַן לעבן ח"י מאָל ח"י,
וואָלט ס'קלענסטע מילבעלע אונדז בלײַבן ניסתּרדיקער פונעם זוהר.

תּל־אָביב, יאַנואַר 1984

■

מסתּמא איז דאָך פּאָרט פֿאַראַן פֿאַר וואָס עס ווילט זיך לעבן,
מסתּמא איז דער שׂכר פֿאַר דעם אַ גאָב ביד־רחבֿה.
די טאָטשענדיקע איבערלעבונגען, וואָס אונדזער רו צעפּרעסן,
פֿאַרווונדיקן, דאָך היילן אויך, ווי שטראָפֿרייד פֿון אַ נבֿיא.

ווײַל שטרויכלונגען נאָך שטרויכלונגען דעם גאַנג אונדזערן שטערן,
מיר — דורכגעווייטיקט זעען זיך: געקריוודעטע יתומים,
וואָס שלעפּן זיך פֿאַרבלאָנדזשעטע אין ווילד פֿרעמדע מקומות,
ווו אויך אַ בלימל קוקט אויף אונדז מיט קאַלטקייט פֿון אַ דומם.

און דאָך אין מיטן טענות האָבן צו דעם וועלט־געוויסן,
מיר אָן אַ שיעור מאָל כאַפּן זיך: מיר האַלטן זיך פֿאַר געטער...
צעשעדיקטע,
פֿאַרביסענע,
פֿאַרנעבעכט,
דאָך פֿאַרריסן,
מיר שנײַדן דורך די אייביקייט — אַן אויסגעשריי אין עטער.

תּל־אָביב, נאָוועמבער 1984

פאַרדראָסיק

אין נעפּל אונדזער אָנהייב איז, אין אומקלאָרקייט — דער סוף.
באַגינענס ראָזער זריחה־שטראַל ווערט רוצחיש רויט פאַר נאַכט,
און מיר, די אומבאַהאָלפענע, וואָס טוען וועלטן אויף,
פאַרגייען זיך אין בענקעניש נאָך דעם וואָס קאָן ניט זײַן.

מיר זעען נסים טויזנטער און זוכן אַלץ דעם נס,
מיר האָבן ליב נתפּעל זײַן, באַגערן רק אַ סוד,
מיט טריטעלער גנבֿישע מיר רוקן זיך צום גליק
און בלײַבן הינטערשטעליקע, פאַרבלאָנדזשעטע אין זיך...

מיר טובֿלען זיך אין ניכטערקייט און טוליען זיך צום טרוים,
מיר סמאַקעווען אַן ערלעכקייט וואָס פאַלשקייטן פאַרדײַט,
מיר קנעטן פונעם אומרעכט אויס אַ כּמו־גערעכטע וועלט
וואָס קליגלט זיך מכפּר זײַן במזידיקע זינד.

ס'איז אונדזער מות ווײַטזעיִק, דאָך קורצזיכטיק — דאָס אויג,
סע פעלט אונדז עפּעטערס אָטעם אויס, צעבראָקט עס אונדזער מוט,
זשאָנגלירן מיר מיט אײַנפאַלן, פאַרלויבן זייער ווערט,
מיר זײַנען אײַנגעגלייבט אין זיך און חנפען זיך צו גאָט...

תל־אָביב, יולי 1983

ווי ליב איז אונדז...

ווי ליב איז אונדז זיך גופא צו גענאַרן
און זיך נאָך אײַנריידן: סע גיט אונדז פרייד.
מיר זײַנען וואָגלענדיקע הײמלאָזע קלאָשאַרן
און זעען אין געלײַטערטן ניט־אַרן דעם באַשייד.

פאַרכאַפּט, באַזעסן... אָבער ניט קיין נאַרקאָמאַנען,
נאָר ווי לונאַטיקערס געמאַניעטע פון בלייכער שײַן,
עס ציט אונדז אויף סכּנהדיקסטע ראַנדן שפּאַנען,
מיט אַ פאַרשטאָקטער מוראה פאַראַקלט זײַן.

און ווידער קומט דער דראַנג זיך גופא צו גענאַרן
(און כּלל ניט חושד זײַן, אַז מען זיך נאַרט).
פון איין זײַט — זעונגען, פון צווייטער זײַט — קאָשמאַרן,
און צווישן זיי — אַפּאַטיע און אַזאַרט.

תּל־אָביב, פעברואַר 1983

הירש אָשעראָוויטש

אַנטקעגן שפּיגל

...און דאָס בין איך ?

ווו זײַנען אַלע מײַנע שוואַכקייטן אַהינגעקומען ?
און אויך אָט דאָס, וואָס כ׳האַלט פֿאַר מײַנע מעלות,
איז דאָך ניט צו זען,
און פּאָרט בין איך, בין איך עס...

באַפּאַלט פּאַרדראָס, למאַי מײַן סאַמע יִיחוס
איז גאָר אָט דאָס, וואָס ס׳איז במחילה
מײַן עגאָס טפּלדיקע הילע.

תל-אָביב, מײַ 1985

„ביידע"...

צי בין איך טאַקע אַזאַ רשע,
ווי ס׳איז מבֿזה מיך דער צדיק וואָס אין מיר?
וואָס מער איך טראַכט דערפֿון, אַלץ מערער ווערט מיר קשה:
ווי האָב איך דאָס געלאָזן אָפֿן מײַן נשמהס טיר,

דאָס בייזס זאָל זיך דורך איר אַרײַנבאַקומען,
און איך אַ טענה האָבן זאָל צו זיך,
למאַי אין לאַבירינט פֿון מײַנע טרוימען
אַ בלינדער קאָנטראַבאַנדע־שמוגלער כ׳קריך...

היט אויס מיך, גאָט, פֿון זען דעם פּולן אמת,
וואָס — ווײַל ער אייביק איז — ער זעט אויס אָפּגעניצט.
אויב נעפּל הילט אַרום, טוט אויס די קלאָרקייט נאַקעט,
און נאַקעטקייט מאַכט פֿילן: מען איז ניט באַשיצט...

איך בין קיין רשע ניט און ניט קיין צדיק,
נאָר ביידע. (ביידע בין איך דווקא יאָ!)
עס איז דאָס ראַנגלען זיך מיט זיך מיר שווין אַזוי דערעסן,
כאָטש פֿליק די גרויע וואָר ווי שמוציקן טריקאָ!

תל־אָביב, פעברואַר 1983

■

ערגעץ איז פֿאַראַן אַ מענטש
וואָס האָט ליב מײַן בענקען.
ווילט זיך מיר צו ליב טאָן אים —
נײַע בענקשאַפֿט שענקען,

ווענד איך אָפּ זיך פֿון דער שײַן,
מאַניע תּכלת־טרוימען,
הייבט אָן אומרו אין מײַן בלוט
ווי אַ ברויזווײַן שוימען...

ס׳דאַרף דאָך אָבער זײַן אַ שיער
אינעם שיכּור ווערן,
בענקשאַפֿט איז ניט רענטע בלויז,
זי איז אויך דער קרן,

און מײַן עלטער לערנט מיך,
אַז כ׳מעג שוין זיך שעמען
פֿון מײַן לעבנס שפּאָרקאַסע
איבעריקס צו נעמען.

ערגעץ איז פֿאַראַן אַזאַ
וואָס ער דאַרף מײַן בענקען —
— — — — — — — — —
מענטשלעבסטע צוויי־אייניקייט:
בענקען און געדענקען...

פרעמד...

אַ בריוול איז אַ פרעמדער שפּראַך
מיט רויטער טינט געשריבן.
וואָס איז דאָס פאַר אַ בריוול?
וואָס איז דאָס פאַר אַ שפּראַך?
ווי קומט עס אויף דער גאַס פאַרהפקרט ליגן?

און ס׳לאָזן שוין ניט אָפּ די שאלות דעם געדאַנק:
איז עס נאָר צופעליק געשריבן רויט?
צי אפשר איז עס גאָר ניט טינט, נאָר בלוט?...

אַ בריוול איז אַ פרעמדער שפּראַך
מיט רויטן כּתבֿ געשריבן.
צי איז עס ניט אַן אָפּשיידבריוול פון אַזאַ
וואָס אַנגעוואָרן האָט דאָס לעצטע ביסל מוט?

ס׳איז פרעמד דאָס בריוול, פרעמד די שפּראַך,
נאָר מער נאָך פרעמד מײַן פרעמד זײַן צו פרעמד בלוט...

תל־אָביב, אפּריל 1986

הירש אָשעראָוויטש

אין דער שול דער קאַלטער...

צי גלייב איך איצטער נאָך
אַז אין דער שול דער קאַלטער
פלעגן קומען מתים דאַווענען ?

מיר, ייִנגלעך, האָבן קיין מאָל ניט
אַזוינס פון אַ דערוואַקסענעם געהערט,
נאָר איינס דעם צווייטן
עס פאַרטרווילעך, אָניאָגנדיק שרעק איבערגעגעבן,
כּדי די מורא אייגענע
אין אַ פאַרשותּפותדיקטער אימה צו פאַרשטיקן...

אַוודאי איז ניט וואָר, אַז אין דער שול דער קאַלטער
פלעגן קומען האַלבע נאַכט די מתים דאַווענען,
ס'איז אָבער גרוויליק וואָר, אַז ס'זײַנען מתים
אַלע וואָס געדאַוונט האָבן דאָרט בײַ טאָג...

תּל־אָביב, פעברואַר 1985

טאַטעס, זיידעס אין די זילבערנע עטרות...

טאַטעס, זיידעס אין די זילבערנע עטרות,
מיט אַ שטרענגקייט וואָס איז ליבער פון אַ שמייכל,
אין געדיכטעניש פון נאָדלענדיקסטע צרות
גלוסט זיך מער נאָך אײַער מידות-הייך דערגרייכן.

כאָטש מיר האָבן זיך פון אײַך אַזוי דערווײַטערט,
בלײַבן פאָרט מיר אײַערע געטרײַע יורשים.
וואָסער דור האָט נאָך ווי מיר אין ווייען זיך געלײַטערט,
וואָסער וואָר האָט נאָך געגעבן אַזאַ ווילדן וואָרשוים?

אָ, מיר ווייסן (מיטן שווערסטן עגמת-נפש ווייסן),
אַז פאַר אונדז — די האַלב-פאַרקרבנטע קרבנות —
איז ניטאָ קיין חרפה גרעסערע ווי זיך צו גרייסן
וואָס די געלע לאַטע אונדזער שוואַרצער דאַליעס פאָן איז...

מוסרן מיר זיך, גריזשען זיך בסדר
וואָס צו מאָל דערלאָזן מיר, ס'זאָל אויסזען: מיר שטאָלצירן
מיט אַ מתּיר זײַן זיך אונדזער בלוט-נקמה-נדר
און אַ פירן זיך — ניט ווי מע דאַרף זיך פירן...

טאַטעס, זיידעס אין די זילבערנע עטרות,
שענקט אונדז גרויסמוטיק אײַער מחילה,
פּסקענט ניט, אַז זינדיק אונדזער דור איז,
לייענט מיט מער ווייטיק אונדזער בלוט-מגילה!

תּל-אָביב, פעברואַר 1983

מענטש און שטיין

זי זיצט בײַם פענצטער אַן אַלבאַסטערנע און קוקט.
ס׳גייט קיינער ניט פאַרבײַ.
ס׳איז דעמערדיק און ווערגיק שטיל,
און נאָר דער אַלטער וואַנטזייגער האַלט אין איין שאַרכן,
ווי ער וואָלט שליאַנדערן אין אויסגעריבענע פאַנטאָפל.

ס׳גייט קיינער, קיינער ניט פאַרבײַ.
אין אַלע פענצטער, וואָס אַנטקעגן, הויזט שוין שײַן,
נאָר דאָ, אין איר פענצטער, בלײַבט שאַלטעווען דער חושך...

און אָט וואַרפט זיך דער הימל אויף דער ערד אַרויף.
מיט פײַערדיקן בליצקנוט, פלעטנדיקע דונער־האַמערס
ער פאַסעוועט, צעמורזשט די רו
און צווינגט אַרויף אויף גאָרער שטאָט גערודער.
בלויז איינע — זי, די אָפּגעזונדערטע אַלבאַסטערנע,
פאַרזונקען אין איר אומטרייסטלעכן צער,
בלײַבט, ווי געווען, פאַרשטיינערט.

צעתּחינהט זיך אין הערצער אַ געבעט:
אַ, וועלט וואָס ליב האָסט האַדעווען היפּוכים,
באַשער זשע אונדז דערלעבן אויך ס׳פאַרקערטע —
זײַן עדות ווי אַ האַרץ אַ האַרטס ווי פעלדז
הערט אויף ווי שטיין זײַן, ווערט פאַרמענטשלעכט!...

ניט געדראַכט זאָל עס ווערן!
(ליקוי־מחשבֿה)

די חיִישקייט, וואָס נעסטיקט אין דער ווילדעניש פון דזשונגל,
דער דזשונגלגייַסט, וואָס האָט געהערשט אין מיטל־עלטער,
דער מיטל־עלטער־חושך אין דער צייַט דער נייַער,
די נייַע צייַט, וואָס האָט פאַרלייגט זיך אויף דער צוקונפט,
האָבן גענומען יוירן אין מייַן בלוט,
האָבן גענומען יוירן אין מייַן בלוט:

איך בין אַ מאַלפּע, בין אַ שלאַנג, בין אַ היענע,
איך בין אַ פרומער פינצטערלינג — אַן אינקוויזיטאָר,
איך בין אַ האַסער און אַ קוילער אַ פּאָגראָמשטשיק,
איך בין אַ גיריקער ברוינהעמדלדיקער חזיר,
און כ'רוף זיך מענטש!
און כ'רוף זיך מענטש!

פאַר מיר עס בלויט דער הימל און עס בליִען רויזן,
פאַר מיר סע שלאָגן קוואַלן און עס גרינען גראָזן,
פאַר מיר באַנייַט זיך די לבֿנה און ס'צעקריכן נעפּלען,
פאַר מיר עס וואַקסן קאָרן, ווייץ, קאַקאַאָ, מאַנגאָ.
פאַר מיר אַליין און מער פאַר קיינעם ניט!
פאַר מיר! פאַר מיר אַליין!

עס האָט זיך מיר אַ ווייַל געדוכט: דאָס איז דעם מענטשנס שטייגער,
עס האָט זיך מיר אַ ווייַל געדוכט: דאָס איז דעם מענטשנס טבֿע,
עס האָט זיך מיר אַ ווייַל געדוכט: אַזוי זייַנען שוין אַלע,
עס האָט זיך מיר אַ ווייַל געדוכט: אויך איך בין שוין אַזאַ...
פאַרשאָלטן זאָל די ווייַלע זייַן!
פאַרשאָלטן זאָל זי זייַן אויף אייביק, אייביק!

ווילנע, יאַנואַר 1968

■

ווײַל כ׳האָב פֿאַרשטאַנען, אַז עס דאַכט זיך מיר,
האָב איך מײַן זיכער־זײַן פֿאַרלוירן.
איז בלאָנקען זיך אַצינד מײַנע חלומות,
ווי הינט וואָס האָבן קיין מאָל ניט
קיין היים געהאַט...

איך ווייס ביז הײַנט נאָך ניט
צי ס׳איז די וואָר,
צי ס׳איז דער טרוים גערעכט,
נאָר יעדערער פֿון זיי
איז אײַפֿערזיכטיק צו דעם צווייטן,
און ווי איז יענעם פֿאַרכטיקן
וואָס מערניט איינעם פֿון זיי דינט !

אַ וואָלקן רוקט זיך אָן —
ער אויסן איז די זון פֿאַרדעקן.
איר קימערט ניט,
וואָס ער פֿאַרשטעלן וועט איר שײַן,
דאָך מיך עס טיפֿהאַרציק באַליידיקט...

איז טאַקע וואָר, אַז ס׳איז דער שטראַל פֿון גאָט,
דער שאָטן — פֿונעם שׂטן ?

תּל־אָביב, דעצעמבער 1983

ווונדיקער בטחון

ניט די ערשטע, ניט די לעצטע

מיר זײַנען ניט די ערשטע, ניט די לעצטע,
מיר זײַנען וואָכעדיקע גרויע מיט.
מיר האָבן זיך מיט זיכליבשאַפט באַפּאַנצערט
און גייען פוס־טריט נאָך די אייגענע פאַרגרײַזטע טריט.

ס'איז אונדזער יום־טובֿ — קלאָונישע שׂימחה —
געשפּילטע חדווה דורכגעשטעפּט מיט סטעזשקעס צער,
און פאַרן לצישן פאַרווײַלן מיר באַקומען
אַ שׂכר — אַ קינציק פאַרמאַסקירטן גזר...

מיר האָבן ליב מיט אונדזער מענטש־זײַן זיך צו גרייסן;
טאָ וואָס זשע מײַדט עס אונדזער קלוגשאַפט צו פאַרשטיין.
אַז אינעם סטירדישן דועל: פאַרדאַרבנקייט — געוויסן
אַ חטא איז אין אַ זײַט, ווי סעקונדאַנטן, שטיין?!

תל־אָביב, אָקטאָבער 1982

הירש אשעראָוויטש

גלגל־החוזר

(אַ בריוו צום מענטש פון דרײַסיקסטן יאָרהונדערט)

מה שהיה הוא שיהיה
קהלת א׳ ט׳

מענטש פון דרײַסיקסטן יאָרהונדערט,
זײַ מיר מוחל וואָס איך שטער דײַן פּאַר־געבוירן־ווערן־רו,
און איך רוף אַרויס דײַן גײַסט, ווי שאָול שמואלס.
כ׳טו דאָס ווײַל ס׳איז מײַן געמיט ניט גרינגער
פונעם גוטהאַרציקן ווייכוויליקן מלכס...
יאָ, אַוודאי איז עס מעגלעך,
אַז מיר וועלן אין די אויגן דײַנע זײַן געווען
אַן אָקערשט־פון־דער־הייל־אַרויסגעגאַנגענע
נעאַנדערטאַלערס־סטאַדע,
דאָך אַלץ איינס איז אונדז, ווי וועסט אונדז שאַצן,
מיר געהערן פּאַרט צום זעלבן — מעג זײַן ווײַטן — שורש,
און ווי שטענדיק בעת אַ טויט־סכּנה
ווערט מען נוטה זיך צו ווענדן צו אַ גײַסט אַ קרובֿישן
וואָס הויערט ערגעץ אויף אַיענער זײַט פון אונדזער קיום.

מענטש פון דרײַסיקסטן יאָרהונדערט,
דו, וואָס קומען דאַרפסט מיט אַ יאָרטויזנט שפּעטער,
ביסט באַשאַנקען דאָך צו זײַן מער קלאָרזעיִק פון אונדז.
מערקסטו דען ניט, אַז עס האַלט דערבײַ,
סע זאָל בכּלל דיר שוין ניט אויסקומען צו קומען ?
טו זשע עפּעס און געפין די רעכטע עצה,
ווי די דורות פון אַ זינדיקן יאָרהונדערט
זאָלן ניט קיין סוף מאַכן צום לעבן אויף דער ערד !

צו גוט! צו גוט, האַרציקער, מיר ווייסן ווו מיר האַלטן
אין דעם אונדז פאַרגוזמאַט־ליבן, רישעותדיקן עולם־הזה,
און מיר שטייען פאַרן תּהום פאַרשטאָקט און אומבאַהאָלפן,
ווי סע שטייט אַ העזל קעגן פענטעזנדיקן בליק
פון דער אים באַלד פאַרשלינגענדיקער קאָברע...

שווער איז אונדז:
די לעצטע האָפענונג אויף אַ ראַטוניק
צאַנקט און לעשט זיך...
זײַ זשע, ווײַטער נאָכקומער, פאַר אונדז אַ גוטער בעטער,
זײַ אַ גוטער בעטער!

יאָ, איך ווייס, דאָס זײַנען ווערטער
וואָס מיט זיי בלויז צו אַ בר־מינן מע ווענדט זיך,
דאָך אַזאַ איינעם שוין גאָרנישט, גאָרנישט קימערט.
דו זשע, וואָס פאַר דײַן געבוירן ווערן איז דיר נייטיק,
מיר זאָלן, חלילה, ניט די לעצטע ווערן,
דאַרפסט און מוזסט זיך אײַנשטעלן פאַר אונדז...

מי פאַר אונדז זיך אור־אור־אוראייניקל ווײַטער,
כאָטשבע צוליב דעם שוין, זאָלסט אין דײַן צײַט
האָבן רעכט צו ווענדן זיך צום מענטש פון פּערציקסטן יאָרהונדערט...

תּל־אָביב, יולי 1984

ה י ר ש אַ ש ע ר אָ ו ו י ט ש

בין אָדם למקום

גאָט, זײַ ניט אַזוי איבערזיכטיק!

איז וואָס, אַז כ׳פּיר אַ מאָל
מיט אָפּגעטער אַ לײַכטן פלירט?
ווען וואָלסט גערעדט צו מיר, ווי צו אַ גלײַכן,
וואָלט איך ניט אַזוי אָפּגעשטויסן זיך געשפּירט
און ניט געזוכט קיין לינקע ליבעס...

אַוודאי ביסטו גרויס,
אַוודאי האָסטו מיך
פון אַלע דײַנע אַנדערע באַשעפענישן אויסגעטיילט.
פאַר וואָס זשע איז דערווידער דיר
מײַן פלײַסן זיך צו שטײַגן העכער?

צי איז, אַלמאַכטיקער, דיר טאַקע אַזוי שווער
דאָס מינדסטע ביסל חשיבֿות בײַ אַ צווייטן צו פאַרטראָגן?
דו ווייסט דאָך, אַז וואָס קלָערער איך באַנעם דײַן וועלט,
אַלץ שטאַרקער דריקט אויף מיר
די אומאויסשעפּלעכקייט פון דײַנע סודות.

פאַרגין זשע מיר די מיך דערפרייענדיקע כּמו־געווינסן,
און לאָמיר מודה זײַן זיך איינער פאַרן צווייטן:
איך בין מקנא דיר דײַן אומענדלעך יכולת,
און דו ביסט איבערזיכטיק אויף מײַן אומאויפהערלעך שטײַגן.

תּל־אָביב, סעפּטעמבער 1983

■

ווײַל ס׳האָט די צײַט אַ טבֿע — זי פֿאַרגייט,
און יעדע רגע קאָן דער אָנהייב פֿון פֿאַרשיידנס ווערן,
בין איך אויף אַלץ וואָס טרעפֿט מיר, שוין פֿון פֿריִער גרייט
און כ׳זע ווי איבעריק פֿון אומפֿאַרהאָפֿטקייט זיך צו ווערן.

צי דרינגט דערפֿון, אַז כ׳בין אַ גלײַכגילטיקער פֿאַטאַליסט,
צי אַ פּוילישאַק וואָס האָט גענומען אויף פּראָקאַט אַ לעבן ?
אַ ניין ! אַזעלכענע געהערן דאָך דער וועלט־געשיכטעס מיסט,
און אונדזערס גלײַכן טוט אין עולמות־עליונים שוועבן.

איז וואָס פֿון דעם, וואָס נײַע שיטות טראַכט מען אויס,
אויב תּורות — אָפֿט מאָל ליכטיקסטע — געבוירן מעשׂים דולע ?
מיר לעבן אין אַ וועלט — אַ געטלעך משוגעים־הויז
און וויקלען פֿרייד און לייד אויף אונדזער צײַטווײַליקייט־שפּולע.

תּל־אָביב, אָקטאָבער 1984

העלזעונג

בעת דו האָסט געמיינט, דו פיבערסט,
איז עס גאָר געווען נבֿואה,
און די עבטקייט האָט אַנטפּלעקט זיך
מיט איר הייליקסטן באַטײַט —
מיט דער גינציקייט פון ליבשאַפט,
מיטן ערנסט פון אַ שבֿועה,
מיטן גאַנצן כּישוף־כּוח
וואָס פאַריום־טובֿט גרויע צײַט.

אין דער ענגשאַפט פון דײַן מוח
פילן רחבֿותדיק זיך וועלטן,
און אָנסופיקע גערדאַנקען
ווייסן ניט וואָס ס׳הייסט אַ צוים.
ס׳קאָן די שוואַרצסטע בערג פאַרשיטן
איין קליין פּינטעלע באַלויכטנס
פונעם גרויסן אוממַמשות
וואָס דו רופסט נאַיִוו אים טרוים.

מיר טראָגן קיינער ניט די מענטשהייט אויף די הענט...

מיר טראָגן קיינער ניט די מענטשהייט אויף די הענט,
מיר זײַנען קיינער ניט צדיקים גמורים,
און דאָך איז אַזאַ סך אין אונדז געווענדט
אין מינערן דער לײַדנדיקער וועלטס יסורים.

מיר זײַנען בידנע גאָרנישט וואָס איז סאַמע אַלץ,
דאָס מיינט דאָך אָבער ניט, אַז אַלץ איז גאָרנישט.
סע ברי̈ען אונדז סײַ זודיקס און סײַ קאַלטס
ווען צעפּאַלאַשעטע פֿאַנטאַזיע אונדז די וואָר מישט.

ווי מאָדנע איז וואָס איטלעך נישטל איז אַ טויז בײַ זיך,
אַפילו דעמאָלט ווען עס פילט זיך שאַרף דערשלאָגן.
מיר ווייסן, אַז ניט זעלטן זײַנען מיר צו גרויס בײַ זיך,
דאָך האַלטן, אַז מיר גאָלע הויכווערטיקס פאַרמאָגן.

אַ פּנים, אונדז באַשערט איז ווערן צו שפּעט קלוג,
און בלויז אַ שוטה מיינט, ער איז בכּוח דאָס צו מײַדן.
ס'קאָן זײַן, מיר דאַרפֿן דאַנקען גאָט פֿאַר אונדזער קורצזיכטיקן קוק,
און דאָס, וואָס מיר פאַרלײַדן ניט, געוויינען זיך פאַרלײַדן.

תל־אָביב, פעברואַר 1983

הירש אשעראָוויטש

ווער דאַרף דען אַן אַנדערש?

ווער דאַרף דען אַן אַנדערש? זאָל בלײַבן ווי ס׳איז!
די וועלט פון חסרונות איז מעלותדיק זיס,

די דאגות פון לעבן פאַרמאָגן אַ חן,
און ס׳איז ניט קיין חיובֿ אַלצדינג צו פאַרשטיין.

צי קומט דען דעם לעבן אַ הייליקייט־שם,
אויב גאָט איז בײַ אונדזערע מעשׂים אין קלעם,

אויב אַלץ איז אין זעלביקן עיגול פאַרקרײַזט,
און דער וואָס פאַרזעט עס, די גאַנצקייט צערײַסט?...

ווער דאַרף דען אַן אַנדערש? זאָל בלײַבן ווי ס׳איז
נאָך ספקות אויף ספקות עס קומט אַ געוויס,

וואָס אָט ער געפעלט דיר, און אָט ניט געפעלט.
אַ, ס׳צווייִקע יאַנוס־געזיכט פון דער וועלט!

תל־אָביב, יולי 1982

אומרו־כוואַליעס

ווירבלט אין מײַן האַרץ מײַן אומרו,
ווערט פון טאָג צו טאָג אַלץ ווילדער,
און אין מוח טאַשט דער פיבער
בלוטנדיקע שווידערבילדער

פון די לעבנס וואָס די צײַט האָט
ווי מיט טאַנקקייטן צעפּלעטשעט,
און דעם ייִדישן בטחון
באַלד אויף אייביק צעקאַליעטשעט.

ווירבלט, כוואַליעט זיך מײַן אומרו,
ראַנגלט זיך מיט אים מײַן ווילן,
אויסדויער און האַרטסט עקשנות
זײַנען שוואַך אים אײַנצושטילן.

פאַל איך צו צו מײַן זכּרון
(אָט דער גניזה פון קאָשמאַרן),
שווימבלט דאָרט מיט שוואַרצע שעהען,
געטאָס, קאַפּאָס און פּאָנאַרן.

ווערן כוואַליעס פון מײַן אומרו
אויפגעלאָפענער, צעברוויזטער.
כ'שטיק זיך, ווי ס'וואָלט טשאַדען ווײַרער
אין אַן אינקוויזיציע־קלויסטער.

תּל־אָביב, נאָוועמבער 1982

הירש אַשעראָוויטש

אין עולם־התוהו

וווייסט דאָך וויל, אַז ביסט אַ צײַטוויַליקער,
וואָס זשע האָוועסטו, ווי ס׳וואָלט דיר זײַן באַשערט אַן אייביק לעבן?
אין דעם קוים־זיך־האַלטנדיקן קאָרטן־בײַדל — חיי־שעה
קלעטערט מען אויף וואַקלדיקע שווינדלטרעפּן.

יעדער חוטא פּלײַסט זיך מיט זײַן זינד מזכּה זײַן אַ רבים;
מאָדנע, ווי סע ציט צו זײַן ירבֿעם־בן־נבֿטיש,
אָבער ערגער נאָך, ווי דינען קעלבער גאָלדענע אין דן און בית־אל,
איז דאָס כּשרן אַ יושר וואָס איז האָטענטאָטיש...

מוסר זיך ניט, גאָט, למאַי דו האָסט דעם מענטש באַשאַפֿן!
אמת, ער איז אָפֿט די סיבה פֿאַר דײַן חרפּה, צער, חרטה,
דאָך דעם מאַעסטאָזאָ פֿון דײַן פּלאָ:מדיקער וועלט־סימפֿאָניע
קען ניט שאַטן וואָס דער מענטש איז אָפֿט אין איר אַ פֿאַלשע נאָטע.

תּל־אָביב, אַפּריל 1985

געהויבנסטער שהחיינו

מיר זײַנען אַלע אין געפֿאַנגענשאַפֿט בײַ זאַבאָבאָנעס!
ווי באַלד מיר גלייבן ניט אין גאָרנישט מער,
פֿאַרבײַטן זיי אונדז גלויבן, געצן־דינערײַ, קרבנות
און צווינגען פֿרעגן זיך: וואָס איז מיט אונדז דער מער,
וואָס מיר באַגייען נאָכגיביק אַזוינס פֿון וואָס מיר לאַכן?
ווי זײַן ס׳וואָלט הכרחדיק, מיר נאַרן זיך אַליין.
ווי לעבט מען עס מיט גלייבעכצן ווען יוסטע גלויבנס קראַכן?
ווי קאָן אַ מוח ליכטיקער אויף קלאָרקייט ניט באַשטיין?

מיר חוזקן פֿון זיי, מיר לאַכן אויס און אַסרן די זאַבאָבאָנעס,
און זע: מען ווײַטער בחבֿרותא מיט זיי שפּרײַזט...
אָ ווען וועט מען אַ מאָל שוין קאָנען מאַכן שהחיינו
אויף אַ פֿון אַלע קנעכטשאַפֿטן באַפֿרײַטן גײַסט?!

תל־אָביב, נאָוועמבער 1983

הירש אשעראָוויטש

צו אַ דיכטער

ווער ווייסט, צי דו אַליין ביסט גאָר אַ מבֿין
ווי טיף עס איז דײַן ליד?
צי ביסט ניט, ווי די הון
וואָס קאַטשקעלעך האָט אויסגעבריט?

ווי גרויס סע זאָל ניט זײַן
דאָס חשיבֿות פֿונעם בריִען,
דער עיקר איז דאָך אינעם איי
(אין דעם וואָס ווערט בײַ דער נאַטור געליִען),

און דו ביסט נאָר דער יעניקער
וואָס זיצט עס אויס און קוואָקיש כּאָוועט...
זע, ס'זאָל ניט אויספּיקן די אויגן דיר
דער ווילדער האָן — דאָס זוכן כּבֿוד!

תּל-אָביב, סעפּטעמבער 1982

מיינסט טאַקע, אַז אַלץ איז גאָרנישט?

מיינסט טאַקע, אַז אַלץ איז גאָרנישט,
היצזעונג איז יעדער יש?
און די גינגאָלדזון צעביטן
האָסט אויף שטערנדלעך פון מעש?

אָפּגעטובֿלט זיך אין טומאה,
ביסטו אַלץ נאָך גרויס בײַ זיך
(אין דער אומרייניקייט געוואַשן,
ווערט נאָך שוואַרצער שוואַרצער איך).

יאָ, די קליינלעכקייט איז אָפּטלער
סאַמע מעבטיקער מאַגנעט,
און דאָס רישעותדיק פּאַרטראַכטע
מיינסטנס אַקוראַט געשעט.

ווי נאָר זאָגסט, ס'איז אַלצדינג גאָרנישט,
הייבסטו אויף דעם נישט צום גאָר.
ווײַ איז דעם, וואָס ווערט דער שדכן
פון אַזאַ ניט־גלײַכער פּאָר!

טעג...

ווידער אַ מאָל, נאָך אַ מאָל
גלאַנצט פרימאָרגן־טוי אין טאָל,
פייגל צוויטשען יונג און מונטער,
און די זון שיט גאָלד און צונטער.

ווידער אַ מאָל, נאָך אַ מאָל
ווערט מיט שאָטנס פול דער טאָל,
און די פייגל שוויַיגן אונטער,
און די זון לאָזט זיך אַרונטער.

ווידער אַ מאָל, נאָך אַ מאָל,
נאָך אַ מאָל און נאָך אַ מאָל...
— — — — — — —
ווײ, לסוף ווערט אַלץ נאָר צאָל.

צווישן ווײַל און אייביקייט...

אין יענער רגע, ווען עס קומט דיר אויס
עס האָט זיך אָפּגעשטעלט די צײַט
און עס איז אויס דער חילוק
צווישן ווײַל און אייביקייט,
באַקומסטו חוצפּה טראַכטן ווען זיך
ביסט קלוג, ביסט גרויס,
עס איז דײַן ווערט
פון יעדן גבֿול אַרויס,
און אויב עס מוז אַ מיקדש זײַן,
איז עס געוויס דײַן הויז...

און גאָט?
(דער זעלביקער וואָס האָסט אַ מאָל
אין אים אַזוי געגלייבט
און אַלע דײַנע אומגליקן
מיט זײַן גערעכטיק־זײַן באַטייבט)
ער פּלוצעם איז פֿאַר דיר
אַ שטרענגער קעגן־צד,
וואָס זעט אין יעדן טראָט דײַנעם
גענענונג צו פֿאַרראַט.

דאָך דיר איז קלאָר:
דו ביסט געוועלטיקער,
כּל־יכולדיקער האַר
פון פעלדז און לופט,
פון לײַב און בלוט,
דו ביסט אַן אייביקער,
און ס'איז די אייביקייט
אַ מיט דעם לעבנס קאַטשלקע
גיגאַנטיש אויסגעוואַלגערטע מינוט.

האָב איך ניט פאַרגונען זיך מײַן גוטע שטימונג...

האָב איך ניט פאַרגונען זיך מײַן גוטע שטימונג
און אַרויסגעשלעפּט פון מײַן פאַרוואַקסענעם זכּרון
אַ זינט יאָרן שוין פאַרטריקנטן פאַרדראָס.

איז אַרויס ער פון פאַרגעסונג,
און ווי נאָר, ווי נאָר אויף אים האָט
פרישע לופט געטאָן אַ ווייע,
איז ער לעבעדיק געוואָרן,
האָט גענומען מיך דערקוטשען,
פּלאָגן, מאַטערן און ווי טאָן
ביז ער אָנגעגאָסן בלײַ האָט
אין מײַן אָנקרייטיק געמיט.

האָב איך ניט פאַרליטן שוין מײַן שלעכטע שטימונג
און אַרויסגעשלעפּט פון מײַן פאַרוואַקסענעם זכּרון
אַ זינט יאָרן שוין פאַרדאַרטע פרייד.

איז אַרויס זי פון פאַרגעסונג,
און ווי נאָר, ווי נאָר אויף איר האָט
פרישע לופט געטאָן אַ ווייע,
איז זי באַלד אויף שטויב צעפאַלן,
און געקומען איז אַ בענקשאַפט
שווערערע נאָך פון פאַרדראָס.

וואָנדיקער בטחון

בענקשאַפט

קום, מײַן פֿרײַנד, פֿונעם פֿאַרגעסן־זײַן אַרויס.
כ׳האָב דערמאָנט זיך יענץ אַדורכגעשטערנט הויז,

ווו מיר האָבן אויפֿרײַסיקע שמועסן געפֿירט,
מיט די תּמימותדיקסטע קרעדאָס זיך געציירט...

איז דאָס אַלץ געווען טאַקע, צי ניט געווען?
ס׳שוועבן אָן אַחיזה ווײַטע ווו און ווען,

און די ווער׳ן — מיר — זײַנען שוין לאַנג ניט מיר,
און דאָס האַרץ באַליידיקט איז, ווי בײַ דעם קיניג ליר...

קום, מײַן פֿרײַנד, פֿון דעם פֿאַרגעסן־זײַן אַרויס,
דער, וואָס עמעץ דאַרף אים נאָך, איז דאָך ניט אויס.

קום צוריק צו אונדז אַזעלכער ווי אַ מאָל
מיט דער העלער אויפֿריכטיקייט פֿון דײַן קול,

מיט די תּנועות קאַנטיקע און עילוי־בליק —
מענטשנליבלער, שטרעבעריש און חריפֿותדיק.

קום, מײַן פֿרײַנד, פֿון דײַן פֿאַרגעסן־זײַן אַרויס:
ליז מיך אויס פֿון אַ סמבטיוניש געברויז.

תּל־אָביב, יולי 1983

הירש אָשעראָוויטש

בײַ נאַכט

די שטערן גלימצערן, גלײַך בליאַסק וואָלט זיך זאַהיקען,
די לופט איז אויסגעמאַטערט שיכּור,
און דער לבֿנה גייט ביז אומפאַרשעמט־זײַן גאָרנישט אָן...

איז וואָס, אַז ס'האָט געקרייט דער האָן?
דער זייגער איז שוין מיד פון שניצן גליווער,
דער ערד איז שווער איר פּינטלדיק באַהעלטער קיווער...

אָ גאָט, איז עס דען אונדזער שולד, וואָס דיר איז לאַנגווײַליק?

תל־אָביב, יולי 1983

■

דער בלויער פֿויגל פֿון ראָמאַנטיק האָט גאָר רויטע פֿעדערן,
דאָך זיי דערזעען איז ניט געגעבן יעדערן,
און יענעם גליקלעכן, וואָס דאָס געגעבן איז,
פֿאַרשטערט זײַן לעבן איז.

תּל־אָביב, מײַ 1983

■

האָסט קיין מאָל ניט געזען קיין בלויע זון?
דער מאָלער האָט אַזאַ געזען!

האָסט קיין מאָל ניט געזען קיין רויטן האָז?
דער מאָלער האָט אַזאַ געזען!

ס'קאָן זײַן, ס'איז סײַ אויף דיר,
סײַ אויפן מאָלער אַ רחמנות...

תּל־אָביב, אָקטאָבער 1982

■

איך האָב געבראַכט מיט ליבשאַפט דיר אַ ליכטיקן בוקעט
פון ווערטער,
האָסטו אַ טענה גאָר: „זיי וועלקן ניט,
און בלומען, וועלכע וועלקן ניט, זײַנען ניט עכטע!"...

איז אַזוי ווייטיקדיק
וואָס דו אי מײַן מתנה פסלסט,
אי פסקענסט נאָך,
אַז דאָס, וואָס קאָן ניט וועלקן, איז געפעלשט.

תל־אָביב, מײַ 1983

הירש אַשעראָוויטש

מאָראַל

ס'איז ניט גרינג מיט זיך אַן עצה זיך צו געבן,
מיט אַ טראָט ניט־איבּיקן צו זיך אין תּחום אַרײַן.
נאָר אויב עס איז באַשערט ווי אַ בעל־חי צו לעבן,
איז איידער זײַן אַ חיה, ליבערשט אַ בהמה זײַן!

תּל־אָביב, יוני 1981

חלום חלמתי...

אַוודאי קימערט ניט איר שוואַרצקייט
דער וואָראָנע,
אַוודאי גייט ניט אָן איר בלאַסקייט
דער לבֿנה,

דאָך איך, וואָס האָב געזען אין חלום:
אַ וואָראָנע זיצט אויף דער לבֿנה,
בין קראַנק געוואָרן אויף אַ שטענדיק פילן זיך:
איך בין צו שוואַרץ און בין צו בלאַס...

■

קומט אַ מאָל אַ ניגון פון דער ווייַט,
שטעכט אַרייַן אין האַרץ זיך ווי אַ שפּיז.
ווערט דאָס האַרץ פאַרלאָפן מיט אַ בענקשאַפט,
ווי מיט בלוט...

מאַטערט עס אונדז, מאַטערט, מאַטערט אויס
ביז צו אַ דערפילן זיך ווי איינגעדאַרט,
ווי פאַרמומיעוועט אַרום דער ניגון־שפּיז.

דעמאָלט!
דעמאָלט ערשט מיר הייבן אָן פאַרשטיין
וואָס מיט דורכגעשפּילקעוועטע פלאַטערלער געשעט.

תּל־אָביב, יולי 1984

ווייטיקדיקער אויספיר

אין יענעם טאָג, ווען דו געווען ביסט גליקלעך,
האָט עמעצער געקאָרטשעט זיך פון ליידן,
טאָ ווי זשע קאָנסטו טראַכטן: עס איז שיקלעך
אַ צייט, ווען אַלע וועלן ווייטיק מײַדן?

און אפשר איז ניט שייך ברענגען ראַיות?
די סיבה איז באַלייִדיקנדיק טיפער:
דער טבֿעס פירונג האַרטסטע טיראַנײַ איז,
און מיר זײַנען איר קאַלטן חשבונס ציפער.

תל־אָביב, יולי 1984

■

זינט גאָט האָט זיך אין אונדז באַזעצט,
געמאַכט דעם יצר־טובֿ פֿאַר זײַן משגיח,
איז אונדזער חיִושקייט באַדריקט,
און אונדזער מענטשלעכקייט — פֿאַרפֿוהנט.
ס'איז גאָט אין אונדז,
מיר — אַרום אים,
איז דאָך שוין איבעריק
אונדזער באַדערפֿעניש כּסדר אים צו זוכן...
ווײל איז דעם גוף,
וואָס ווייסט, ער איז גאָטס הויז,
ווײל איז דעם גאָט,
וואָס ס'פּאַסט אים יעדער היכל.

תּל־אָביב, יוני 1983

„נעשׂה ונשמע"

אַ פֿײַערזײַל — בײַ נאַכט, אַ וואָלקנזײַל — בײַ טאָג...
אוןביידע מאַניען, מאָנען מע זאָל נאָכגיין.

נעם, משה, צו פֿון אונדז צוריק די צען געבאָט.
מיר זײַנען מיד, און מידע האַלטן ניט פֿון מידות...

מיר האָבן צו פֿרי גאָט דערקענט,
אין גלידער אונדזערע נאָך צוקט דער טאַנץ פֿון אַרום עגל.

מיר בענקען מער שוין ניט נאָך פֿלייש,
און ס'איז דערווידער אונדז די טויזנט טעמיקייט פֿון מן!
מיר זײַנען שפּאַנענדיקע מתים,
וואָס זײַנען שוין אויף יענער זײַט פֿון פֿילן הונגער,
און האָבן גאָרנישט מער, ווי נאָר אַן אויער
פֿאַר די גרילציקע באַפֿעלן פֿון טרומייטער.
מיר ווייסן איצט נאָר איינס: מיר זײַנען מיד —
דער גוף איז מיד, דאָס האַרץ איז מיד, דאָס בלוט איז מיד;
פֿאַר וואָס קומט אונדז אַזאַ פֿאַרשאָלטן לײַדן? —
מע גייט און גייט, מע זינקט אין זאַמד,
מע קלאָגט זיך אויף דער טאָגהיץ און דער נאַכטקעלט,
מע יאָגט קוים נאָך דעם עמוד־אֵש,
מע ווערט די לעצטע כּוחות אָן, און קיין שום סימנדל,
אַז מע זאָל האָבן עפּעס־וואָס דערגרייכט...

מעג זײַן, מיר זײַנען זיכער מיטן מן,
אויף מְרָיִמס ברונעם שטייט פון אונדז ניט אָפּ —
ניטאָ קיין הונגער און קיין דאָרשט,
עס פעלן אָבער היים און רו,
סע קווערלן לאַנגער וועג און לאַנגווײַל.

ניטאָ, ניטאָ פֿאַר אונדז קיין מענטשיש לעבן,
און ס'איז ניט שייך האָבן טענות.
מיט אונדזער זאָגן „נעשׂה"
נאָך איידער מיר „נשמע" האָבן געזאָגט
דערהרגעט האָבן מיר די יונגע פרײַהייט,
און זײַנען פון דאָס נײַ געוואָרן קנעכט,
אַצינד — שוין מיט דער אייגענער הסכּמה !...

תל־אָביב, סעפּטעמבער 1984

דער בלינדער עלי בענטשט זײַן קללה...

קללה טײַערע, נאָך קיין מאָל ניט געוועזענע —
קללה, וואָס אַ טאַטע דורכגעוויטיקטער שיקט זײַנע זין, —
זײַ אַ גיפטיקע, שטאָק פינצטערע, גזלנישע,
טו אָפּ דאָס, וואָס די רשעים קומט, מע זאָל זיי טאָן!

קללה טײַערע, דאַרפסט גאָרנישט ניט מחדש זײַן,
קורחס סוף איז דיר מרמז וואָס צו טאָן.
קללה פינצטערע, איך שיק מײַן ברכה דיר,
און אַ כּוהנס ברכה איז דעם אל־נקמות ליב!

פלאַמט דער בלינדער עלי — אַ שטורקאַץ דערצערענונג,
אויף די ליפּן בלעזלט זיך די גאַל פון זודיק גרימעניש,
אין די שלייפן זעצט דער טויט־פּסק
פאַר די זין זײַנע פאַרדאָרבענע,

און די שכינה טאַפּט ווי שטאַרק ס'איז זײַן געניק.

פאַרוואַנדלונג

דאָס ווײַסע וואָלקנדל
איז אויפגערודערט און צערוגזט,
עס האָט אַן אומרעכט צוגעזען!

ס'געשעען עוולות טאָקע תּמיד און כּסדר,
דאָס תּמימותדיקע ווײַסע וואָלקנדל
האָט אָבער ביז איצט
ניט געהאַט באַמערקט זיי.

סע בלענדט די זון, סע גלאַנצט דער טײַך,
איבער דערפרישנדיקע סאמעטענע לאָנקעס
וויברירן פלאַטערלעך און שוועבן בושלען.
דעם פײַנפיליקן וואָלקנדל גייט עס ניט אָן,
עס האָט דאָס בייזס באַמערקט —
קלאָר צוגעזען ווי קריוודע ווערגט דעם יושר...
— — — — — — — —
אַ כמאַרע פינצטערע פאַרשטעלט די זון.
דערקענסט דאָס ווײַסע וואָלקנדל?
אָן איז עס דאָך — אָט דאָרט, אין מיטן:
די חושבדיקסטע שטעל וואָס אין דער כמאַרע...

תּל־אָביב, 25.6.1984

מרור...

אין אַ פאַרוואָרפן אומקלאָר אָרט
וואָס אין אַ וואָר אַ קוים־קוים וואָרער
געטשאַקעט האָט אַ צו־זיס וואָרט,
האָט עס פאַרוואַנדלט זיך אין מרור.

צום גליק, בין איך דאָרט ניט געווען,
געהערט עס בלויז פון אַן עד־שמיעה,
וואָס האָט מיט יונגהאַרציקן ברען
דאָרט זיך געראַנגלט מיט דער שקיעה.

האָט ער עס מיר פאַרטרויט בסוד
און צוויטשעטשיק נאָך צוגעוווּנקען:
„דער טײַוול יאָגט זיך נאָך גאָט,
נאָך קדושהס ניצוץ — טומאהס פונקען"...

אויב דאָס באמת איז אַזוי,
אויב אומעטום סמאל לאָקערט,
דרינגט סם אַרײַן אין שײַן און טוי,
און מרור אינעם האָניק מְקורט...

תל־אָביב, יוני 1984

■

געטער האָבן ליב צו שטראָפן,
מענטשן האָבן פֿײַנט צו לײַדן.

קען דען עמעצער גאָר האָפן:
ער אַ שלונד אַזאַ וועט מײַדן?

פֿון דער קינדהייט אָן דערצויגן
פֿאַר אַ גאָט זיך רק צו בוקן,
גלאָצט מען קליינמוטיקע אויגן,
בייגט מען נכנעדיק דעם רוקן,
עלעהיי עס איז אַ סגולה
צו דערשלאָגן זיך מחילה.

ווײַ אונדז: נאָך אַ שטיף־גאולה
און אַ פֿאַלשערע אַפֿילו!

תל־אָביב, אַפּריל 1984

אויף דער פרײַ...

כ'האָב קיין מאָל ניט געטראַכט, אַז ס'קען אַ כמאַרע אַזוי שיין זײַן,
ווי זי געווען איז אינעם טאָג, ווען איך האָב זיך באַפרײַט.
אַ זאַמשן ווינטל האָט פּאָלירט די מיט מײַן בענקשאַפט
אָפּגעטינקעוועטע הײַזער,
און יעדער ברוק געווען איז אַ לאַמפּאַס פון גרויער זײַד...

אָ גאָט, איך ווייס: די דעמאָלטיקע קאַרגע שײַן געווען איז
דאָך דײַן אור־הגנוז,
וואָס האָט געהאַט פאַר מוטנער סומנעקייט זיך פּאַרמאַסקירט,
און איך, פון ווען ס'האָט די טיראַנײַ געמאַכט געהאַט אַ
פּרוש־אָנוס,
האָב אייפערדיק אין אַלץ צו זען נאָר שיינקייט אויסמאַרקירט...

ווי קאָן אָבער געמאָלט זײַן, גאָט, דיך זאָל ניט אָנגיין
וואָס אַזוי אָפט עס איז צו שווער די דאָליע וואָס
דו אונדז באַשערסט,
און וואָס דײַן גרויסקייט, הייליקייט און נאָמען לעסטערסט
מיט מעשׂים, וואָס דעם אַשמדאַי דערלויבסט, און אונדז פאַרווערסט?

תל־אָביב, מײַ 1984

דאָס איינציק ווערדיקע...

אין פאַרתּחומענדיקן עיגול — איך,
ווי פאַר אַלץ פאַראַן איז נאָר איין מאָס,
איין אומאָפּפרעגלעכער באַלעבאָס
וואָס זעט אומעטום נאָר זיך, נאָר זיך;

אין דער פאַרלײַביקטער מיסטעריע — איך,
וואָס איז אויפגעקומען גלײַך מיט מײַן געבורט,
און מיט אייגן־ליבע האָט זי אָנגעגורט,
פּונקט אַזוי ווי אַלעמען, אויך מיך;

אין דער שטומפּיקסטער עבודה־זרה — איך,
וואָס אין איר כ׳האָב זיך אַזוי פיל מאָל געהיצט,
רק בלאַמירט זיך, רק זיך אויסגעגליטשט
און ביז איצטער נאָך פאַרפּישופט כ׳קריך,

איז דאָס איינציק ווערדיקע וואָס כ׳טו —
וואָס איך פיל דעם גרויסן ווונדער דו.

איך און דאָס זמרל

אַ זמרל פֿון אַלטע צײַטן,
אַ זמרל פֿון עבֿר ווײַטן —
אַ ליכטיקס, ווי אַ לעמעלע אַ צאַרטס,
איז הײַנט צו מיר אַראָפּגעקומען
און מיט אַ שווערן פֿירוואָרף שטומען
באַלייגט מיט בלײַ מײַן האַרץ:

„פֿאַר וואָס האָסטו עס מיך פֿאַרגעסן?
ווי קאָנסטו טויזנטער מעת־לעתן
באַגיין זיך וווּיל אָן מיר?
ווער האָט דיר אַזאַ זכות געגעבן:
אין קרעטשמע פֿון דײַן קרומען לעבן
זאָלסט צוקלאַפּן פֿאַר מיר דײַן טיר?"

אָ, זמרל פֿון אַלטע צײַטן,
אָ, זמרל פֿון עבֿר ווײַטן,
ביסט, ליובעניו, גערעכט!
איך האָב אין גאַנג פֿון מײַנע יאָרן
מײַן תּחילתדיקן איך פֿאַרלאָרן...
בשעת איך דיך האָב אָנגעוואָרן,
זיך גופֿא כ'האָב פֿאַרשוועכט.

דאָס פֿאָלקסליד

איך ווייס ניט ווי אַלט איז דאָס ליד,
וואָס כ׳ווייס אויף געוויס, אַז ס׳איז אַלט.
עס ווי אויף מישקולות זיך האַלט,
דאָך ס׳ציט זיך און ציט מיט זיך מיט.

עס לייגט זיך אין נאָטן שווער אויס,
קלינגט רוי פּאַר אַ שטרענגן געהער,
די גאַמע פֿון שמייכל ביז טרער —
דער אָטעם פֿון מענטשלעכן הויז.

מיך אַרט ניט, וואָס אַלט איז דאָס ליד,
מיך פֿרייט דווקא, וואָס עס איז אַלט
און דאָך אַזוי יוגנטלעך שאַלט,
אַז ס׳דאַכט זיך: די אייביקייט זידט...

ווילנע, דעם 2טן יולי 1969

ווען דאָס האַרץ געזאַנג פאַרבעט...

הייסן צײַט מעג נאָר אַ צײַט,
ווען עס פּאַסט זיך זינגען,
און דער מענטש און זײַן באַטײַט —
צוויי קאַפּעליע־טאַצן קלינגען.

זאָגסט, נאָר זעלטן דאָס געשעט,
נו איז וואָס, אַז זעלטן?
ווען דאָס האַרץ געזאַנג פאַרבעט,
נעמט די האַנט איַין וועלטן.

שאַצט דען אָפּ דער סאָלאָוויי,
ווי ס'איז גרויס זײַן כּוח,
ווי זײַן בײַטשנדיקער ווײי
נעמט דורך האַרץ און מוח?

זע אויך דו, ס'זאָל זײַן דײַן צײַט
צײַטיק פאַר אַ זינגען,
נאָר אַ מענטש אָן גאַליקייט
קאָן דאָס בייזס באַצווינגען.

■

ס׳איז דאָס ליד נאָך ניט דערזונגען,
ס׳איז דאָס ליד נאָך ניט דערשריבן ;
אין הצלחה עס געטונקען,
און ס׳איז אָן אַ סוף געבליבן.

זאָל איך עס נאָך ווייטער זינגען,
זאָל איך עס נאָך ווייטער שרייבן —
צו פאַרענדיקן זיך צווינגען
און לסוף ביי גאָרנישט בלייבן ?...

פרעגט זיך : איז ניט פאַלש דער דרך
פונעם שטענדיק זיך דערוועגן
דאָ, וווּ אַלץ איז נאָר בערך,
כלומרשט און לפנים וועגן ? !

תל־אָביב, מיי 1982

אונדזער אַלטער ניגון

אונדזער אַלטער ניגון
ווערט ניט קיין מאָל אַלט.
ניט ער קלינגט בלחש,
ניט ער הילכיק שאַלט,

ניט ער איבערראַשט מער,
ניט ער עסט זיך צו;
אָ, ער יאָגט שוין אָן באַלד
דער מאַמעס „אַי־לו־לו״!

אין אָרקעסטער

ווער ווייסט, צי הערט מען מיך אַזוי, ווי איך וואָלט וועלן ?
אַזוי פיל פילדער־כּלים פלייצן קלאַנג.
סע פּלאַקערט ליאַרעם, ס׳קנאַקן טרעלן,
אַז בטל ווערט דעם איינציקנס געזאַנג...

כאָטש יעדער איינער האָט אַזוי פיל וואָס צו זאָגן,
מוז ער זיך אונטערגעבן אַ פאַרטומלענדיקן כּלל.
איז דען כּדאַי מיט אַ געהאָרכיק שוויַיגן זיך צו פּלאָגן,
כּדי דערנאָך אַריַינצופאַלן אין אַ קולות־קאַפּאַקאַל ?...

אויך ווען הצלחה לעשט דעם בראַנד פון מיַינע איכיקע באַגערן,
און כּ׳נעם אַן אויסגעליַיטערטערע זען די וועלט,
טוט קאַלטער אָפּהאַלטפּאַך מיַין יום־טובֿדיק געמיט פאַרשטערן,
און ווער ?... — אַ שטום, דאַר שטעקעלע באַפעלט !

אַוודאי הערט מען ניט אַרויס מיך, ווי כ׳וואָלט וועלן,
די ווילדע גראַגער־כּלים ס׳קריפּען מעשׂה טעמפּע זעג.
מיַין יעדן קלאַנג פאַרטויבן הילכנדיקע קעלן,
און טאָמער לאָזט מען שוין, מע זאָל מיך איינעם הערן,
באַפאַלט אַ שרעק.

■

ווּעסטו אויסווינען דײַן ווייטיק,
וועט דיר גאָרנישט איבערבלײַבן —
ניט די סיבה, ניט די טרערן.
קוקן וועסטו אַ פאַרגלייזטער
ווי די וועלט פירט זיך ווי פריִער,
מערניט דו — אַן אויסגעהוילטער —
לעבסט, ס'זאָל גריזשען דיך די קינאה
צו אַזאַ וואָס קען באַטש האַסן...

אָפּגעהיטן זאָל מען ווערן
פון פאַרוואָלפּישטע נחמות!

תל־אָביב, נאָוועמבער 1985

■

ניטאָ קיין מענטש וואָס איז ניט אַ פּאַרבלאָנדזשעטער,
אין דור דעם אייגענעם מען איז אָפּט פרעמד,
און אויף דער צײַט — דער קאַנווע שפּינוועבסענער —
מע האָפט רק אויס מיט ציטערדיקע ניט־געניטע הענט
דעם אַלטן מוסטער אָפּגעדראָשן זעלביקן,
גלײַך ס'וואָלט געווען צום סאַמע ערשטן מאָל...

אַזוי פיל זייגערס חשבונען עס, חשבונען,
און ווער קאָן וויסן וועלכער איז ניט טועה זיך?
מיר ריכטן זיך דאָך לויט אַ ציפערבלאַט אַ בר־מינן
און ווײַזערס לעבעדיקע אויף אַ קרומען וועג...

■

אָוואַ, ווי ס'ווילט זיך זײַן יכולתדיקער, ווי מען איז,
זיך אײַנריידן, מען פּעוּק איז באַזײַטיקן מניעות.
מיר טרעטן אָבער דאָך מיט פּענטעס אויף די פּיס,
און ווײַזן דווקא אינעם טועה זײַן זיך בקיאות.

אָוואַ, ווי ס'צווינגט אונדז זײַן מער ניזהר, ווי מען איז,
פּאַטאַקעווען דעם גורל: „יאָ!" און „הָכי־נַמי!"
מעג זײַן: ס'איז אונדזער מוח פלינק, ווי אַ געיאָגטער הירש,
מיר בלײַבן אומגעלומפּערט, ווי היפּאָפּאָטאַמען...

תּל־אָביב, יאַנואַר 1983

■

מיר זײַנען ניט געוווינט צו ציילן די סעקונדעס.
באַטײַט עס דען: מען אַן אַ חשבון לעבט?
מיט גאָט און מיטן טײַוול אונדזער בונד איז
און איבער אונדז דער חוזק־מאַכער צופאַל שוועבט.

אַוודאי איז ניט לײַטיש און ניט עטיש
אַ לעבן לאַנג צוויי־פּנימדיק צו זײַן:
ס'איז אונדזער אויפפּיר אַט אַסקעטיש, אַט באַנקעטיש,
אַלץ לויט די עגאָיזם־ווירעס — פרייד און פּײַן...

מיר טרעטן אויף אַ וועג מיט צו פיל מאַניִענדיקע ברירות,
און יעדן אַפּנייג דעקט אַן אַחיתופלשער „מע מעג!"
אויך ווען מיר שלעפּן זיך באַליידיקטע ווי בעת אַ גירוש,
מיר פרייען זיך: ס'איז גלײַך און גלאַט דער וועג,

ווײַל וואָס איז דען דאָס לעבן, אויב ניט אומרו,
אויב ניט אַ שטענדיק זײַן נאָך ניט־בנימצאדיקס פאַרבענקט,
אויב ניט אַ וואָגלען אין אַ וועלט פון צוואַנג און חומרא
און קנײַען פאַר אַ זיבערקייט וואָס אויף אַ ספק הענגט?...

תל־אָביב, דעצעמבער 1982

ווינט

ווינטן האָבן ניט קיין היים,
זײַנען תּמיד זיי אין וועג.
ניט געבענטשט, ניט געטאָגט,
קוים געקומען — שוין אַוועק...

אַלע וועגן זײַנען פֿרײַ
פֿאַר אַ לעבן אָן אַ לײַב
אויב פֿאַרשווינדן איז אַ מוז,
דאַרף זײַן — אָן אַן איבערבלײַב!

הפקר, פֿלי און האַס צום אָרט —
איז דאָס ווינטישע געבאָט.
ווער סע רײַסט זיך רק פֿאָרויס,
דעם איז מפסיק זײַן אַ שאָד.

אָבער העלפֿט דען שווונג און דראַנג,
ווען מע פֿרעמד בלײַבט צו דער וועלט,
ווען בלויז אומרו איז פֿאַראַן,
און די גאָב פֿון אָפּהאַלט פֿעלט?

תּל־אָביב, נאָוועמבער 1984

דאָס גרויסע שותּפות

דו זאָגסט, האָסט פאַרשלאָפן?
ניין־ניין, האָסט פאַרפעלט!
ס׳איז יעדער פרימאָרגן
אַן אָנהייב וועלט.

דער הייליקער בראשית
איז איצטער נאָך דאָ.
ער רופט זיך באַשיידן:
„באַגינען־שעה״.

ניט מײַד זשע אויס בײַזײַן,
ווען ס׳קומט אויף די שײַן,
און דו וועסט דעם בוראס
אַ מיט־שותּף זײַן.

בײַם אויסגעוואַקסענעם שאָטן

דער לאַנגער שאָטן זאָגט פֿאָרויס:
באַלד וועט שוין אָנקומען די נאַכט.
ווען שײַן גייט אויס, לאָזט פֿרייד זיך אויס,
בראַוווּר דערנענטערט זיך צו שמאַכט.

זינט אָדמס טעג אַזוי געשעט,
און קענסט ניט איבער דעם זײַן האַר.
געדענק זשע, מענטש — גאָטס סילועט —
ווערסט פֿאַנפֿער, ווי נאַר ווערסט פֿאַנפֿאַר.

תּל־אָביב, יולי 1984

הירש אשעראָוויטש

שקיעה

שענסטע שקיעה איז ניט מער ווי שקיעה —
בלוט אויף בלוט אַ פולע ראִיה.
קאָן דען עמעץ זיך דערוועגן
נאָר אין ספק זײַן דערוועגן?

און דערנאָך, ווען הימל לעשט זיך
און מיט קנעפּעלעך באַמעשט זיך
(פּיצלעך שײַן אין אומענד שוואַרצן),
ווערט נאָך שווערער אויפן האַרצן...

קוקט מען, קוקט מען אויף דער שקיעה,
גלאַנצט אַ טרער אויף מידער וויִע,
וויי, ס׳באַטײַט דאָך דאָס פאַרשקיעהן:
נאָך אַ טאָג בײַ גאָט געלִיען.

תּל־אָביב, דעצעמבער 1982

װוּנדיקער בטחון

טרערן האָבן אָנגעװאָרן זײער װערט,
און די פרײד געװאָרן איז אַ שטיפֿקינד,
יושר מער שױן ניט צום מענטש געהערט
און הומאַנישקײט בײַם רישעות איז פאַרשיפּחהט.

טוליע איך זיך צו מײַן װוּנדיקן בטחון,
האָפנדיק דורך דעם פּאַר בײדן הײלונג צו געפינען,
און, נאָך אַלע שװאַרציאָריקע בראָכן,
קענען מיט כּװנה װי אַ גאָט אים דינען.

איז עס אָבער, װינד־און־װײ־און־װיסט,
ברכה־לבֿטלהדיק אומזיסט...

טאָ הײל זיך, װוּנדיקער בטחון, דו אַלײן שױן,
אפשר װעט כאָטש דיר זיך אײַנגעבן
זיך אױסצוהײלן.

הירש אָשעראָוויטש

דער קופּערנער קלאַנג פונעם גלאָק פון הצלחה...

דער קופּערנער קלאַנג פונעם גלאָק פון הצלחה
איז גראָב קעגן גאָלדענעם קלאַנג פון דער בענקשאַפט.
איז טרעפט זיך, אַז מחמת דעם גורלס מאַנקאָליע
זיי קומען צוזאַמענגעפלאָכטן אין איינעם.

פאַרקנוילן זיך הערצער און ווערן מבֿולבל,
ווערט מוח געפּלאָגט מיט געמומטע געדאַנקען,
צעוואָקלט זיך גלײַכוואָג, אין קאָפּ הייבט אָן שווינדלען;
ס'איז שווער צו פאַרטראָגן גאָלד־קופּערנעם שותּפות...

געוויס איז הצלחה די שפּרינגברעט צום אָנזען,
אַוודאי רוקט צו זי דאָס גליק צו אונדז נענטער,
און דאָך איז אַ ווייטיק וואָס זי, — ניט דער יושר, —
פאַרמעסט זיך צו זײַן אונדזער לעבנס געלענדער.

תּל־אָביב, אָקטאָבער 1982

■

געוויס איז ערגעץ ווו פֿאַראַן אויך אַן אָן־פּניותדיקער יושר,
דאָך ווו געפֿינט מען אים — דעם דאָזיקן פּלאַנעט,
אין וואָסער שטערן־גרופּע, וואָסער מילכוועג?
און אפשר האָט מען אים זיך, ווי דעם עלדאָראַדאָ, איינגערעדט?

די נאַכט איז טיף, דער הימל אָנגעפּראָפּט מיט שטערן.
קלײַב אויס זיך, מענטש, דעם יעניקן וואָס דיר געפֿעלט,
און זאָל ער דיר אַ קערנדל פּאַרגיטיקונג און טרייסטונג ווערן
פֿאַר עוולות און געמיינהייטן וואָס קאָכן אין דײַן וועלט.

אַוודאי איבערלעבן מיר למאַי ס׳איז אַלץ קאַפּריזיק:
אַ מאָל — שטאַרק פֿאַרגיגאַנטעוועט, אַ מאָל — פֿאַרקאַרליקט קליין.
דער אָנגעלייגטסטער נס ווערט אָפּט פֿאַר אונדז נסיון,
און מיר פֿאַרשיטן ווייטיקן מיט גליבעס רוי געוויין.

דאָך מער פֿון אַלץ סע קריוודעט אונדז דאָס מוזן זײַן באַגרענעצט,
דאָס וויסן, אַז באַשערט ס׳איז אונדז אַ דחקותדיקע מאָס.
אַוודאי איז פֿון לאַנג שוין צײַט, מיר זאָלן קלאָר זיך זאָגן:
דעם סוד, וואָס מען אין הימל זוכט, געפֿינט מען אויך אין גראָז.

תל־אביב, נאָוועמבער 1983

■

ראַנגלען זיך אין אונדז דער יצר־טובֿ און יצר־הרע,
מזיקן זיך אין פֿאַרביסנסטע דועלן,
און דאָס האַרץ, ווי אויסבאַהאַלטן אין אַ נאָרע,
האַלט אין איין באַפֿעלן און באַפֿעלן:

„טו אַזוי!.. טו דאָס!.. טו יענץ!.. ניין, טו ניט!..״
מיר, די נעבעכדיקע חוצפּהניקעס, פֿאָלגן,
גלײַך דאָס ניכנע זײַן וואָלט זײַן אונדזער ראַטוניק
און וואָלט ניט פֿאַרפֿוטען אונדז אין דאָליעס קאָלטן.

ראַנגלען זיך אין אונדז די צוויי יצרים
(מיר — זייער באַליבטע שטענדיקע אַרענע),
און הגם זיי זײַנען סתּירהדיק ווי קווייט און דאָרן,
זײַנען מיר פֿון יעדערן פֿון זיי נהנה...

תּל־אָביב, דעצעמבער 1982

■

אין דעם לאַנגן וואָר־און־חלום־בײַט — קורץ לעבן
(אַט דער בריק וואָס צווישן נאַכט און נאַכט)
מעג מען אַלע לעפּישקייטן זיך פֿאַרגעבן,
חוץ דעם טראַכטן, אַז מען תּמיד ריכטיק טראַכט.

ס'איז אַ זינד — אַן אוראייניקל פֿונעם חטא־הקדמון,
ס'איז אַ זינד וואָס פּעניקסיש שטייט אויף רק פֿון איר אייגן אַש,
ס'איז אַ זינד פֿון סאַמע נידעריקסטן סוראָגאַט־מין,
ווײַל זי דעקט זיך מיט געלײַענעם עקסטאַז.

אָ, קאָליריקע כימערע דו, — קורץ לעבן
(מיט אָנצאָליקע אַרויפֿגאַנגען — פֿאַרשלייערטער אַראָפּ),
ווי דערקלײַבט מען זיך צו יענעם קלוגן מופֿתדיקן רבין
וואָס זאָל לערנען אונדז ניט שטעלן אויף אויטאָפּיעלער דעם טראָפּ?!

תּל־אָביב, פֿעברואַר 1984

חיי־אָדם

אין מײַן מיני־אייביקייט,
וואָס פֿון אייביק־זײַן איז ווײַט,
שפּאַן איך אַ פּאַרטשאַדעטער —
גייער נע־ונדיקער —

טראָטעלע נאָך טראָטעלע
(גילטיקע און בטלע,
טריבע און געלײַטערטע)
ווערן רק דערווײַטערטע.

קינדהייטס שטראַלנדיקע טעג
מיט דער וויג זײַנען אַוועק,
יוגנטס ברויזנדיקע טעג —
אויף זכרונס מוטנעם דעק,

און נאָך פֿלאַקערס — שטרעבונגען,
אַש פֿון איבערלעבונגען —
וואָס מער פֿאַרסך־הכּלדיק,
שײַנט עס מער ספּעקטאַקלדיק...

תּל־אָביב, יאַנואַר 1985

מיט האַרציקייט און וווּנד אין האַרצן

צי איז טאַקע דער גורל פון אַ בוך אַ ייִדישן,
אַז ס'מוז אַרויסגעוואָרפן ווערן?
וואָלט מען עס באַטש דערנאָך ניט זען
(ווי דאָס געשעט מיט פּאַלנדיקע שטערן).

איז אָבער ניין! פון פאַלן ווערן ביכער ניט פאַרברענט,
מע זעט דערנאָך זיי, ווי אונדז, ליגן
געלעסטערטע, פאַרברודיקטע אויף מיסטקופּעס
פון הינטערהויפן און פאַרוויסטע ליקן.

אַ אותיות ליבלעכע,
איר צוויי און צוואַנציק קדושים,
וואָס מע האָט שוין אַזוי פיל מאָל
פאַרמאָסטן זיך אויף פרעמדע אײַך צו טוישן,

איך שרײַב אײַך אי מיט האַרציקייט,
אי מיט אַ וווּנד אין האַרצן,
אַ וווּנד וואָס היילט זיך ניט,
ווײַל יעדע ווײַלע נײַע מעסערס אין איר שטאַרצן...

אָ גאָט פון וואָרט דערהויבענעם,
הושיעה־נאָ
דעם טײַערן, צו דער עקדה איצט געפירטן
קמץ־אַלף — אָ!

תל־אָביב, אויגוסט 1983

הירש אשעראָוויטש

„ניטאָ פּאַר וועמען"...

די פּען באַגערט אַזוי פיל נאָך צו זאָגן,
נאָר ס'איז פאַרקראַמפּט די האַנט,
און אַנגעוויינטע פון דער וואָר:
„ניטאָ פּאַר וועמען!"

זכרונות דראַפּען זיך פאַרמאָרעטע,
ווי די פאַרשמאַכטע לעצטע רייכעלער
פון אַש וואָס נאָך אַ שׂרפה —
„ניטאָ פּאַר וועמען!"

דאָס צו מײַן האַנט זיך טוליענדיקע זייגערל,
וואָס יאָרן לאַנג געמוטיקט האָט מײַן פּולס:
„האָף-האָף!", „האָף-האָף!",
גייט שוואַכפּעדערדיק אויס:
„צו וואָס?.. צו וואָס?.. צו וואָס?.. פּאַר וועמען?"

און ס'דוכט זיך מיר, אַז אַלץ געשעט אַזוי דערפאַר
וואָס ס'שפּאַרט אין פּען די טינט,
ווי ס'שפּאַרט די מילך אין ברוסט פון אַ געווינערין,
און ס'איז ניטאָ פּאַר וועמען...

תל-אָביב, אויגוסט 1983

■

אין געפּלאַצטן שפּיגל — מײַן זכּרון —
זע איך אַ צעשערבלטע מײַן יוגנט.

גאַרט זיך מיר זי זען, ווי זי געווען איז.
קלעפּ איך מיטן וווּנדערקליי פון דמיון
אַלע בראָכטיילן צוזאַמען
און באַקום צוריק אַ גאַנצקייט
(גאַנצקייט אויפגעקומענע פון שטיקער).

קוק אַרײַן איך אין פאַרריכטן שפּיגל,
שטעקט, ווי אײַנגעפּאַסט אין אים, מײַן יוגנט,
דאָך מיט נעט, און — טויט, ווי אַ וויטראַזש...

תל־אָביב, יוני 1984

הירש אשעראָוויטש

אויסגעלײדיקטע זײגערס...

אויסגעלײדיקטע זײגערס
הענגען אײַנגעקוואַרט,
ווי זיי וואָלטן אויסשטעלן זייער פּוסטקייט.

די דריבנע צײַטגרײַפּעלער
האָבן געדפּקט, געדפּקט און זײַנען פאַרשוווּנדן,
ניט איבערלאָזנדיק קיין איינעם
פון זייערע טשוועקלענדיקע עכאָס.

הענגען די אויסגעלײדיקטע זײגערס
ווי אײַנגעשרומפּענע אײַטערס
און שאָקלען זיך, ווי קעפּ וואָס באַדויערן... —
באַדויערן וואָס די צײַט האָט זיך אַרויסגעכאַפּט פון זיי
און גליווערט, עלעהיי אַן אַנטבלויזטער נערוו,
וואָס איטלעך באַרירן אים בריט אָפּ מיט ווייטיק...

זאָל אונדז נאָר ניט אײַנפאַלן עס אָנצורופן זיקנה!

תל־אָביב, 2טער יולי 1984

גאוװהניק שׂכל־הישר...

גאוװהניק שׂכל־הישר,
טריף ניט דײַן ניכטערקײט קאַלטע
אין האַרץ, וואָס זײַן עובֿדה איז גלִיִען.
זינגפֿייגל צוויטשען אין אָדער,
דערוועג זיך ניט
זיי צו פֿאַרקלעמען די שנאָבלען.

זײַ אַ משגיח,
דאָך לערן ניט, ווי מע זאָל לעבן.
חוש איז ניט ווייניקער יחסן פֿון דיר,
און דער יצר אַוודאי מוז האָבן אַ דעה.
בינד ניט דעם אומרו
און רײַס ניט מיט נעגל פֿון שטרענגקייט
דאָס איידעלע לײַב פֿון התפּעלות...

גאוװהניק שׂכל־הישר,
באַגער ניט דער איינציקער וועגווײַזער ווערן.
גיב אַכטונג אויף מיר —
אויף מײַן ווונטש, אויף מײַן טרוים,
אויף מײַן אויפֿפיר, מײַן שטימונג און טווּנג.
זײַ דער משגיח, דאָך וויל ניט
דער האַר און אַליין־הערשער זײַן.

משגיח, משגיח,
ניט מיין, ביסט משיח!

■

ס'האָט אַזוי זיך שוין באַקומען,
אַז מײַן האַרץ כ'בין בײַגעקומען
און אַרויפגעזעצט אויף דעם מײַן ווילן,
וואָס האָט פײַנט מחזָקות־שפּילן...

האָט די גריל, וואָס ווינט בײַם אויוון
און זי פּראַוועט אַש־יום־טובֿים,
אָנגעהויבן מיר באַפעלן,
עגבערן מיט מוסר־דרעלן:

„נאַריש ביסטו, נאַריש, נאַריש
וואָס ווילסט איבער זיך זײַן האַריש,
טרײַב, פאַרטרײַב דײַן האַרטן ווילן —
קאַט און קטלן פון געפילן!"

און דאָס איז דער קונץ װאָס איך שטענדיק באַװײַז...

און דאָס איז דער קונץ װאָס איך שטענדיק באַװײַז:
אַ טעות נאָך טעות, אַ גרײַז נאָך אַ גרײַז...

איך, אומבאַהאָלפענער
ניט־שלמותדיקער זוכער!

איך טרעף אַלץ אָן װיכטיקס, איך כאַפּ עס, באַהאַלט׳ס,
בסדר כ׳געפין, נאָר כ׳געפין רק ניט אַלץ...

איך, אומבאַהאָלפענער
ניט־שלמותדיקער זוכער!

נאָר כ׳קען ניט, איך קען דאָך ניט אײַנגיין אויף דעם,
אַ פּגם זאָל פאַרשװעכן דעם מענטשלעכן שם

פון אומבאַהאָלפענעם
ניט־שלמותדיקן זוכער;

כ׳מוז טראַכטן, אַז קומען עס װעט אַזאַ צײַט,
װען, פּונקט װי די נאָענט, װעט קלאָר זײַן די װײַט

מיר, אומבאַהאָלפענעם
ניט־שלמותדיקן זוכער!

און כאָטש בלויז נצחונות מע לויבט און מע הייבט,
קאָן װערן מיט דורכפאַלן מער נאָך דערגרייכט,

און טאַקע אין זכות,
און אויך טאַקע אַ דאַנק
דעם אײפער פון אונדז —
אומבאַהאָלפענע זוכערס!

הירש אשעראָוויטש

שפּירעוודיקייט

צי ווײַזט עס ניט, אַז כ׳בין אַ קײַלעכיקער נאַר,
אויב פון אַיעדנס קרומער מינע כ׳נעם זיך צער?
פאַראַן אַזעלכע דאָך וואָס גאָרנישט גייט זיי אָן
און זייער אויער טויב איז פאַר אַ ניט באַגערטן טאָן.

ווער דאַרף די גוזמאדיקע שפּירעוודיקייט וואָס אונדז נאָגט —
דעם צער וואָס אויך דאָס אויסגעזאָגטע אונדז, איז ניט דערזאָגט?
ווי אָבער קענען מיר ניט אָפּשאַצן ווי גרויס עס איז די ווערט
דערפון וואָס דאָס באַשערטע, ניט צו וויסן איז באַשערט?...

מיר רודערן אויף אַ צעשטורעמטן קאַפּריזן־ים
פון ציל צו ציל — פאַרשלייערטן פון סתם צו סתם,
און יעדער פּיניש איז בעצם גאָר אַ חלף־שניט
נאָך וועלכן ס׳בלוטיקט אָפּגעשאָבטן אַ מאַנקאָליע פון געמיט.

תל־אָביב, יאַנואַר 1985

■

סדנא דאַרעא חד הוא
בבא בתרא ס״ז ע״א

די גרעסטע שוואַכקייט אונדזערע
איז אונדזער האַרטנעקיק באַגערן שטאַרקייט,
פאַרגעסנדיק דערביַי, אַז שטאַרקע לעבן פון פאַרצוקן.

„אויף אונדז איז דאָס ניט חל!
אויף אונדז — ניט חל! ניט חל! ניט חל!" —
פּיקט גאווה, מעשׂה טיטוס־מוק, אין שאַרבן־חלל.
נאָר טיטוס האָט פאַרברענט אַ פרעמדן בית־המיקדש,
און מיר רק אייגענע מיקדשים צינדן אונטער...

דער ריזנקלומפּ — דער ערדקיַילער —
איז תּמיד און פאַר אַלעמען דער זעלבער,
כאַפּן זיך אויף אין מוח ירמיהוס איכה־ווערטער:

„על אלה אַני בוכיה!"

תּל־אָביב, סעפּטעמבער 1984

ס׳אַרט מיך ניט...

ס׳אַרט מיך ניט מײַן דיִאַגנאָסיס ניט־אַרן
למאַי עס האָט מײַן זשעדנעקייט געפּעלט זיך.
כ׳ווייס: מען איז מזכּה מיך מיט זילזול־קאָמענטאַרן,
למאַי איך האָב פאַר אַ קנאַפּ־דאַרפן אײַנגעשטעלט זיך.

ס׳אַרט מיך ניט מײַן דיִאַגנאָסיס ניט־אַרן,
ס׳פרייט מיך וויסן, אַז איך בין דערמיט צופרידן.
אויב כּימערעס וועלן פּרוּוון מיך מיט יום־טובֿ נאַרן,
וועל איך אין די קייטן פון פלעגמאַטישקייט זיי שמידן.

ס׳אַרט מיך ניט מײַן דיִאַגנאָסיס ניט־אַרן,
מיט אַ גרינג געמיט איך מאַך באַקוועמלעכקייטן בטל.
פאַר אַזאַ, וואָס קען זײַן לעבן אין אַ פּאַס פאַרשפּאַרן,
איז דאָס גאָרנישט דאַרפן דער מאור־הגדול.

תל־אָביב, יאַנואַר 1985

לאָמיר זינגען אַ ליד מיט געשלאָסענע ליפּן...

לאָמיר זינגען אַ ליד מיט געשלאָסענע ליפּן,
אַ ליד — אַ דערהויבנס, ווײַל ס'איז כּלפּי־פּנים.
ס'געזאַנג כּלפּי־חוץ ווערט אין תּוך דאָך פֿאַרטריבן —
דער ווינט טראָגט אַוועק אויף די הילכיקסטע שטים...

געזאַנג כּלפּי־פּנים, דאָך צו גלײַך: אויף פּאַר יענעם,
ס'איז הייליק די פֿרייד פֿון דערפֿרייען אַ פֿרײַנד.
די ליבשאַפֿט, וואָס נעסטיקט אין אונדזערע גענען,
אויף העקן פֿון טריבסטע נשמות באַשײַנט.

לאָמיר זינגען אַ ליד מיט געשלאָסענע ליפּן
און האָבן אין זינען ניט זיך בלויז אַליין.
אַזאַ, וואָס נאָר איכליבשאַפֿט איז אים פֿאַרבליבן,
איז פֿעיִק צו וואַרפֿן אין טאָטן אַ שטיין.

תּל־אָביב, אַפּריל 1984

טוליעט זיך דער ווינט צו מיר...

טוליעט זיך דער ווינט צו מיר,
בּלומרשט מיר געהער ער.
עפן איך אים ברייט די טיר:
„קום, כ'וועל זײַן דײַן לערער!"

רײַסט ער זיך אַרײַן אין שטוב,
גאָר ווי ניט געבעטן,
טוט אַ וואָרף, אַ שטויס, אַ שטופּ,
שפּרינגט איבער די בעטן,

כאַפּט אַ בריוו אַראָפּ פון טיש,
טראָגט אים, וואַרפט אים, דרייט אים,
חוצפּהדיק אַ בוך פאַרמישט,
שלײַדערט אום די קווייטן,

צום וואַזאָן זײַן כּעס לאָזט אויס,
קנאָדערט די גאַרדינען;
און ער שפּרינגט פון שטוב אַרויס,
ווי אַראָפּ פון זינען...

קלאַפּ איך צו די טיר אויף גיך:
ניין, איך וויל ניט מערער
נעמען אַזאַן עול אויף זיך —
זײַן דעם הפקרס לערער!...

נאָקטורן

דאָרט, ווו ס'לאָזט זיך אויס די גאַס
שטייט אַ קליין גרוי שטיבל.
מאַכט די ביטרע נאַכט אַ שפּאַס —
שווערט דעם בלומרשט ליבע.

ווערט דאָס שטיבעלע צעהעלט,
שײַנט מיט אַלע שויבן,
שיקט דער שלאָפנדיקער וועלט
סנאָפּעס פרייד און גלויבן...

זינגט דער ווינט אַ הפקר־ליד,
גראָב — אָן שטאָט און זינען,
מיינט אין זײַן געמיין געמיט
וועלטענטפערס געפינען.

פײַפט ער אינעם סתּם אַרײַן
אַ הולטײַסקען ניגון.
נעמט די בידנע שויבנשײַן
צוקן און זיך וויגן.

טוט דאָס שטיבעלע אַ שפּרונג
העט — איבער די הײַזער,
אַז עס גיט די לופט אַ קלונג,
ס'טוט אַ פאַל דער ווײַזער.

דער וואָס ווײַזט, אַז ס'איז באַזאַכט
חצות שוין אָנגעקומען,
און אַז צוטרוי צו דער נאַכט
קען ניט ווויל באַקומען.

■

כ'האָב דערלויבט זיך פרעגן בײַ דעם גורל שאלות,
האָט זײַן שוויַיגן מיר געענטפערט: „פּסקען זיי אַליין!".
האָב איך, מעשׂה מומחה שוין, בר־סמכאָדיק באַשלאָסן:
„אַלע ענטפערס שטעקן צווישן שמייכל און געוויין".

אין אַזעלכע גרענעצן אַרײַנגעצווונגען,
ווערן סאַמע האַרבסטע שאלות שוין ניט גילטיק מער,
און דער אויפקום מיטן אומקום ווערן אַזוי ענג פאַרשכנט,
ווי ס'וואָלט צווישן זיי ניט זײַן גאָר קיין באַריער.

דאָך איז ער פאַראַן, פאַראַן! אָ־האָ, ווי ער פאַראַן איז!
שטאַרקסטע הערצער ער אין יענוועלטיקער אימה האַלט,
און דעם עזותניק, וואָס פּלוידערט זיך דאָס פאַרגעסן,
ווי מיט קרעלנדיקע שטעכדראָטן באַפאַלט.

כ'האָב דערוועגט זיך ענטפערן אויף פראַגעס,
וואָס אויף זיי איז אפשר גאָר קיין ענטפער ניט פאַראַן,
קאָן פאַר מיר איצט נאָר פאַקירישע פאַרשטאַקטקייט
זײַן דער נייטיקער באַרויִק־וואַלעריאַן.

תל־אָביב, יולי 1983

אויפן גרענעץ קודש־חול

וואָס האַלט איך אין איין שטראָפן זיך, ווי זײַן כ׳וואָלט
א פאַרברעכער ?
איך בין דאָך נאָר אַזאַ וואָס בייזס בשגגה טוט.
איך קוק ניט אויף דער וועלט פון איבער אַלע דעכער,
און תּמיד איז פאַרגרייט בײַ מיר פאַר זיך אַליין אַ רוט.

אַזוי פיל מאָל איך בין געבליבן מיט מײַן אויפפיר ניט צופרידן,
נאָך מער ווי צו פיל מאָל אַליין פון זיך געשפּעט.
געפּרוווט אַפילו פאַרן בליק דעם אייגענעם זיך היטן —
פאַר אים, וואָס דעקט רק אויף בײַ מיר אַ נײַעם, נײַעם חטא...

נעם איך צונויף די אויפטועץ פון אַלע מײַנע יאָרן
און כ׳פלעכט און פלעכט צוזאַמען זיי ווי אַ הבֿדלה־ליכט.
מיר זײַנען אויפן גרענעץ קודש־חול געבאָרן,
טאָ זאָל זשע יום־טובֿ הויערן אויף אונדזער וואָכעדיק געזיכט.

תּל־אָביב, דעצעמבער 1982

■

ווען איך ווייס, אַז ביסט גערעכט, בעת דו טענהסט,
אַז ביסט שטענדיק עכט,
וואָלט איך מיט אַ גינגאָלדרעם באַזוימט דײַן אויסזען,
אָבער כ׳וואָלט אויך גלײַכצײַטיק די טיר דײַנע באַפּעבט,
למאַי דו אייטל גאַוווהסט זיך: „איך בין אַן אויסנעם״.

טרייף איז דער, וואָס שטעלט אַרויס זיך פּאַר אַ יוצא־מן־הכּלל,
פּילט זיך ייִחוסדיק, וואָס ער זשאָנגלירט געראָטן מיט זײַן חוצפּה.
ווי' איז אים, דעם גרויסשטאָטישן קאַניבאַל,
וואָס דעם מענטש אין זיך פרעסט אויף מיט ציין
ציוויליזירט געפּוצטע.

פרייט אונדז, וואָס דער הויפּט זײַנען געוויינלעכע פּאַראַן,
און צו שאַצן איטלעכן לויט אונדזער אײַנזען האָבן מיר אַ היתּר.
אין אַיעדן אויסנעמלינג פאַראַן איז עפּעס פון אַ שאַרלאַטאַן,
באַזונדערש אויב ער איז אַ ליבלינג פון די געטער.

תּל־אָביב, נאָוועמבער 1984

צי וואָלסטו באמת געוואָלט עס ?

צי וואָלסטו געוואָלט ווי אַ גדול באַרימט זײַן —
באַוווּנדערט, באַחנפעט, געלויבט און באַרעדט זײַן,
כּסדר באַמערקן, אַז דו ביסט אַ צילברעט
פאַר אָפּשײַן געטונקטן אין סם פון דער קינאה,
צי וואָלסטו באמת געוואָלט עס ?

צי וואָלסטו געוואָלט זײַן דײַן אייגענער אָפּגאָט,
מיט שרעק זיך דערזען ניט אַזאַ, ווי מע זעט דיך,
און דעמאָלט, מעג זײַן עס נאָר זיבן הצלחות,
ניט קענען פאַרטראָגן קיין פערטל מפּלה,
צי וואָלסטו באמת געוואָלט עס ?

צי וואָלסטו געוואָלט זײַן אַ שקלאַף בײַ דײַן גרויסקייט,
וואָס אָט דו געטרויסט איר, און אָט אין איר צווייפלסט,
און פלוצעם געשען ס׳זאָל: אַ יאַטל אַ סמאַרקל
זאָל טײַטן אויף דיר: „זעט, דער קיניג איז נאַקעט!״,
צי וואָלסטו באמת געוואָלט עס ?

צי וואָלסטו געוואָלט עס, אויך בעת שוין פאַרשטיין ווסט,
אַז דאָס וואָלט באַשערט דיר אַ וועג צום זײַן קלײנלער ?!...

תל־אָביב, אָקטאָבער 1984

■

כ׳בין מיט אַ מאָל געוואָרן צײַטיק צו דערפילן,
אַז ס׳איז מיר פרעמד דאָס טײַערסטע וואָס כ׳האָב.
דערוועגט זיך מיט די אַני־מאַמינס מײַנע זיך צו שפּילן,
האָב איך פאַרשפּילט מײַן וואַגנדיקן קאָפּ...

אַ בייזער ווינט, געבווירענער אין געסלעך קרומע,
האָט זיך אַרויפגעוואָרפן שאָבן מײַן צעריִעטן געדאַנק,
צעפלאַקערט אין מײַן האַרצן פאַנישע מהומה,
געפּאַטשט מיך פּאַר מײַן שטעלן אַלץ וואַ־באַנק.

תל־אָביב, דעם 2טן פעברואַר 1984

■

ווען מע זאָל ניט אַזוי ציטערן איבערן לעבן,
וואָלט אפשר דאָס לעבן ניט געווען אַזוי קאַפּריזנע,
און עס וואָלט די וואָכעדיקייט זיך צעפּעכלט מיט קאָלירן,
ווי דער שטראַל וואָס איז אַדורכגעגאַנגען דורך אַ פּריזמע.

טראָגן מיר אָן עול און שרעקן זיך אים אָנצוּווערן,
זײַנען, אָן אַליין צו וויסן דאָס, דערפון פאַרביטערט,
ווייטיקן רק נײַע רעטענישן פונעם לעבן,
ווערן פונעם טיפשות פון די פשטן אונדזערע דערשיטערט.

תל־אביב, יולי 1982

■

ווי האָב איך דאָס ביז איצטער ניט פאַרשטאַנען,
אַז וועג דאַרף אַזוי טײַער זײַן, ווי היים?
ער דאַרף אַ פולע היימען בינדט צוזאַמען,
אויך ווען ער איז אַ דאָרפישער — פון ערד און ליים.

און ריידנדיק פאַרקערט: ווי קאָן איך האָבן דאָס פאַרשטאַנען,
אויב מען איז אויפגעהאָדעוועט אַזוינס ניט צו פאַרשטיין?
מיר אַלע דאַרף פון אָדם קדמון שטאַמען,
און זינט דער הייל איז הייליק אונדז די היים.

■

וואָלט די צײַט געשטאַנען אויף אַן אָרט,
וואָלט דאָך איבעריק געווען דאָס אייפּערדיקע האָווען,
וואָלטן מיר פֿאַרנאַרישט אויסצוזען פֿאַרשפּאָרט,
גרינגער מיט די חולשות אונדזערע געקאָנט זיך ספּראַווען.

קאָן אָבער די צײַט ניט אײַנשטיין אויף אַן אָרט,
קאָנען מיר, ווי זי, ניט רויִק אײַנשטיין,
מיר — די אייביקע טשעמפּיאָנען פֿונעם אומרו־ספּאָרט —
וואָס פֿון אונדז עס וואַקסט אַרויס אַן אַלבערט אײַנשטיין.

תּל־אָביב, יוני 1985

הירש אָשעראָוויטש

קינדעריש...

צווישן גאָט און געץ — ריזיקסטער מהלך,
און פאַר אונדז ער ענג איז קוים זיך דורכצושפּאַרן.
רוקט מען זיך צו איינעם, בוקט מען זיך צום צווייטן,
און עס פאַלט ניט איַין גאָר, אַז מען טאָפּלט פאַלש איז.

דאָך די צײַט גייט ווײַטער — יונג ווי נאָכן מבול —
און שפּרייט אויס מעת־לעתן — ווײַס־און־שוואַרצן טרעטער.
שפּרינגען אויף איין פוס מיר אויף דער צײַטס קוואַדראַטן —
עלעהיי דאָס שפּילן קינדער זיך אין „קלאַסן"...

תל־אָביב, מאַרץ 1984

■

דער וואָס האָט די פּרוכט געגעסן,
קאָן איר טעם האָבן פאַרגעסן —

ניט געדענקען: זיס צי זויער,
אויסגעצייַטיקטער צי רויער,

אויך דעם עיקר־העיקרים,
צי אין איר ט׳געשטעקט אַ וואָרעם...

דער געטרייַער מסור — טעם
זאָגט ניט־שטענדיק אויס אַ פּגם!

תל־אָביב, דעצעמבער 1982

ה י ר ש אַ ש ע ר אָ ו ו י ט ש

מוסר

אין אַט דער וועלט, ווו ס׳שוויבלט מיט מיליאָסן ברואים,
האָט אָפּגעגליקט דיר, זאָלסט אַ מענטש געבוירן ווערן.
ווי היטסטו עס ניט די אָ דיר געשענקטע זכיה
און דו צעבײַטסט זי רק אויף קליינלעכקייטן־מינץ ?...

פאַרגיב מיר, ברודער מענטש,
פאַרגיב מיר און פאַרגין
מײַן אומגערעכט גערעכט זײַן !

תל־אָביב, מײַ 1985

דאָס הייליקע פּשטות

אַ לאָמיר זיך מודה זײַן, זינדיקע דיכטערס,
מיר זיינען מבֿזה די קאָרענע ווערטער
(מיר טענהן, זיי זײַנען צו גרוי און צו ניכטער)
און ווערן פון הייליקן פּשטות די מערדערס...

נאָר איז דען אַ חטא וואָס מיר גרויקייטן האַסן
און שטרעבן פּאַריום־טובֿן איצטערס און שפּעטערס?
נאָך מוזעס, נאָך לירעס, פּעגאַסן, פּאַרנאַסן
זײַט, ווערטער — הדיוטים, פאַר אונדז גוטע בעטערס!

תל־אָביב, יאַנואַר 1985

■

האָסטו קיין מאָל ניט געהאַט קיין שמצל פון אַפּיקורסות,
האָט אויך דײַן אמונה ניט קיין פולן ווערט.
דאָס געראַנגל צווישן דעם וואָס אומקלאָר און וואָס קלאָר ס׳איז
מאַכט אונדז קנאַפּער וואַקלדיק אויף אונדזער ערד.

איז עס דען משונה? ניט נאַטירלעך? פּאַראַדאָקסיש?
זעט דען טאַקע אויס אַז ס׳איז פארקערט?
דער וואָס קוקט זיך צו ניט אייזעליש, ניט אָקסיש,
זעט אַז מע באַגערט וואָס ס׳איז באַשערט...

תל־אָביב, דעצעמבער 1982

■

וואָס שילטסטו דעם אמת פון נעכטן ?
ער איז ניט געווען דאָך קיין רמאַי.
ווען זעסט אים אַצינד אַ פאַרשוועכטן,
ניט זײַ זשע אַ מחמיר ווי שמאַי.

ניטאָ איז קיין אייביקער אמת,
ס'קומט איטלעכער נאָר אויף אַ ווײַלע.
אַזאַ איז דער אמת פון אמת,
און דאָס איז זײַן אמתע מעלה.

תל־אָביב, נאָוועמבער 1981

■

ווי אומבאַהאָלפן איז די פראַגע
וואָס בענקט נאָך איר בן־זוג — דעם ענטפער,
און ער לאָזט וואַרטן אויף זײַן קומען,
און אַז ער קומט שוין, קומט זי אום...

איך האָב דאָך נאָך אַזוי פיל פראַגעס,
דאָך מחמת צוגעשפּיצט רחמנות
און אויסן זײַן צו מײַדן אומקום,
זוך איך קיין ענטפערס ניט אויף זיי.

תל־אָביב, יוני 1981

שאָטנס

קריכט איר הינטער מענטשן,
ליגט איר בײַ אַ מויער, —
תּמיד איר באַהאַלט זיך
און שפּרייט אויס רק טרויער.

ווי איז אײַך פאַרשטעלטע,
פלאַטשיקע און שוואַרצע,
וואָס איר אַ געשטאַלט האָט
און פאַרמאָגט קיין האַרץ ניט!

תּל-אָביב, יוני 1981

הירש אָשעראָוויטש

יעדער דיכטער...

יעדער דיכטער — יעדער, יעדער
איז אַ לײַבקנעכט, אַ פּורץ־גדר:

אָט איז ער פֿאַרשקלאַפּט בײַ גראַם און ריטעם
(איז אַפֿילו מקפּיד אויפֿן קוץ פֿון יוד און קאָמעס פּיטום)

און אָט צערײַסט ער די דערעסענע רגילות־קייטן,
און פֿרײַ אַרויף־אַראָפּעוועט, ווי יענע וואָס אויף יעקבֿס לייטער.

מאַטערן דעם דיכטער זײַנע צוויי התנהגות־רעזשימען,
פֿיבערט זײַן נשמה אויס אָט אַן עלעגיע, אָט אַ הימען.

תּל־אָבֿיבֿ, דעצעמבער 1983

צו אַ פֿרײַנד אַ דיכטער
(ווינטשונג)

דאָס ליד איז דײַן לעבן, דאָס ליד איז דײַן קינד,
וואָס דיך מיט די דורות, וואָס נאָך דיר, פֿאַרבינדט.
טאָ זאָל עס פֿאַרמאָגן דאָס שענסטע פֿון דיר —
זאָל זײַן עס דײַן ניצוץ וואָס ווערט אויך דײַן ציר!

דאָס לעבן אַליין לעבט און לעבנס געבאָרט.
טאָ זאָל זשע דײַן האַרציק און לויכטנדיק וואָרט
געבאָרן אַ שאַפֿונג, וואָס העלקייט פֿאַרמערט,
זײַן שטענדיק אַזאַ, וואָס געטרוימט זײַן איז ווערט!

וויכטיקסטער סוד

פון מײַן היים דער ערשטער,
הינטער צײַט־שטאַכעטן,
קומט אַ ווינט — אַ טרייסטער
וואָס דערקוויקט און מונטערט,
און ער גלעט מײַן אויער,
און רוימט אײַן אַ סוד מיר,
אַז ניט אַלץ, וואָס עקט זיך,
גייט באמת אונטער.

אָ, די גערדאַנקען...

אָ, די גערדאַנקען — ווי די זלידנע פליגן:
טרײַבסטו זיי פון איין מאַרך־קעמערל אַראָפּ,
לאָזן זיי זיך אויף אַ צווייטס אַראָפּ גלײַך
און זיי קריכן, פּאָרען זיך און קיצלען —
רייצן, רייצן, רייצן...

שווער זײַנען די דאָזיקע דאָקוטשליווע גערדאַנקען,
וויסט איז זייער זלידנעם קיצלקראָך פאַרטראָגן,
אָבער אָן אַן ערך ערגער נאָך איז אַ מחשבֿה,
וואָס זי וואַלגערט זיך אין מוח אומבאַוועגלעך,
מעשׂה טויטע אײַנגעקוואַרטע פליג...

עד־היום...

ווויל איז דעם, וואָס פֿרײַנדלט זיך מיט דער חרטה,
אַ נשמה מוז געוואַשן ווערן
(גרעסטער צדיק איז דערפֿון ניט פּטור),
צו דעם חטא־הקדמון מיר געהערן.

וואַשן מיר און וואַשן דאָס געוויסן,
זויבערן די אײַנגעפֿלעקטע מידות,
מיט צונויפֿגעטשאָבעטע נשמה־ריסן
מאַכט מען זיך פֿאַר העלדן פֿון מרידות...

אָט אַזוי איז אַלץ אי אומעבט, אי געפּלאָנטערט,
און בײַם גאַנצן מיִען זיך דאָס שײַכות צו פֿאַרווישן,
זעט דער האָמאָ־סאַפּיענס וואָס אינעם וואַלד פֿון דעת בלאָנקעט,
אַז עד־היום איז ער נאָך אָדם־הראשון.

תל־אָביב, מײַ 1982

טאָמער...

טאָמער קומט דיר אויס: ס'איז אַלץ משונהדיק,
זאָלסטו זיך דערויף ניט וווּנדערן.
אומזיניק איז ניט אַ סתּירה צו אמונהדיק,
גערן איז אַ ברודער לײַבלעכער פֿון אומגערן.

טאָמער קומט דיר אָן: סע ווילט זיך ספֿקן,
זאָלסטו זיך מיט זיך ניט אַמפּערן;
ס'וועט די צײַט די שאַרפֿקייט פֿונעם צווייפֿלען אָפּעקן,
און דו וועסט דערזען זיך גאָר אַן אַנדערן.

טאָמער טראַכסטו: ס'איז דײַן רעכט, ס'זאָל אַלץ דערעסן דיר,
טו אַ קניפּ דײַן זעל און זע, צי זי קאַרשט חלומט ניט,
וועסטו אויפֿהערן צו זײַן פֿון גדלות אַ באַזעסענער
און צו וועלן זײַן אַזעלכער, וואָס קיין עול האָט ניט.

תּל־אָביב, יולי 1981

נעם זיך ניט צום האַרצן

נעם זיך ניט צום האַרצן
וואָס דאָס האַרץ טוט ווײ דיר,
צער איז חוץ אַ שטראָפער
אויך אַ מתּיר־נדר...

ביסט דאָך אַ בר־דעת,
וויל ניט דעשיפּרירן
דאָס וואָס איז פון גזע
פּיאַוועקעס און וואַמפּירן.

נעם זיך ניט צום האַרצן.
קוקסטו אויפֿן זייגער,
זיפֿץ ניט: ס'איז שוין נאָכדעם,
טרייסט זיך: ס'איז נאָך איידער.

תּל־אָביב, אָקטאָבער 1981

געמיט־שיריים

דער אומעט, וואָס באַהאַלט זיך אויס אין פרייד,
איז נאָגנדיקער פון אַ האַרבסטנאַכט.

דאָס זוכן קדושה ניט לשמה
פּראַלט אויף די טויערן פון טומאה.

אויב ס'קען זײַן אַ פאַררעטעריין די טרער,
קען עס דער שמייכל דאָך אַוודאי און אַוודאי.

ווי פּריקרע איז די חושבדיקע קראָ
וואָס ווערט ווי ראָזלעך אין דער שײַן פון שקיעה!

תל־אָביב, יאַנואַר 1982

אַלץ איז טאַקע צײַטווײַליק און צופעליק...

אַלץ איז טאַקע צײַטווײַליק און צופעליק,
און די אייביקייט — פון פּיצעלער צונויפגעשטוקעוועט.

אָבער יעדע רגע איז דאָך פּאַרט אַ יש מהותיקער,
און מיר — אויסדערוויילטע, צו געניסן זכותיקע,

טוען וועלטן אויפפּראַלן און זיי פאַרקראַטעווען,
האַלטן אין איין צירקעווען, אין איין טעאַטרעווען.

— נעבעך צײַטווײַליקע, נעבעך צופעליק —
בופלדיק, עגלה־ערופהדיק...

תל־אָביב, אָקטאָבער 1984

צום אמת

אין ערטער טויזנטער געזוכט דיך
און דיך ניט געפונען.
אַט, דוכט זיך, אויף אַ שפּור אַרויף
און מער נאָך מײַן פאַרזע פאַרשאַרפט.

ערשט איצט, ווען אַלע מײַנע שוואַכקייטן
איך האָב באַנומען,
פאַרשטיי איך שוין אַז אין מיר גופא
זוכן כ'האָב געדאַרפט.

הירש אשעראָוויטש

על רגל אחת...

ניטאָ קיין וווּנדערס דאָרט, וווּ ס׳פּעלט אַ זוכנדיקער תּמים.
דער נס האָט ליב אַזעלכן וואָס אין אים זיך נייטיקט.
אַ סבֿרה אַז די וויזיע מענטשלעך־הייליקע פונעם אַחרית־הימים
דערהייבנדיק דעם מאָרגנטאָג, צו גלײַך דעם הײַנט באַליידיקט.

און מיר, חכמים־האָרשפּאַלטערס, צו זעלטן שוין פאַרשטייען,
אַז מיטן טראָט צו־זיכערן מיר זײַנען ס׳רובֿ זיך טועה.
מיר נעמען אָפּט צום האַרצן זיך פאַראיבעריקטע ווייען,
אַן אינו־ניראה לעסטערן, ווען ס׳איז די שולד פון רואה.

און ס׳העלפט אונדז קיין מזוזה ניט, און ס׳העלפט ניט קיין קמיע,
דער בליצנדיקסטער שאַרפזינען איז אויך אַ קנאַפּע סגולה.
דעם גורל איז אַלץ איינס: אַ גאון, צי אַ חסר־דעה —
אַזאַ איז — אויף איין פוס — דעם לעבנס תּורה־כּולה.

תּל־אָביב, יולי 1984

■

דאָס גרויסע געווינס פונעם גאָרנישט געפינען
עס העלפט אונדז דערזען אויך אין טעות אַ זינען.

ווי גוט וואָלט זײַן: קענען עס רויִק פאַרדײַען
און מאַכן פון דורכפאַל אַ נוציק פלי־זיין —

אַזאַ וואָס פאַרטיליקט ווי פסול און נימאס
די שרעק פאַר טעותים, פאַרזעען און פגימות,

מע זאָל ניט מער זען אינעם „ס'איז ניט געראָטן"
אַ שפּיצל פון גורל, אַ מין מעשׂה שׂטן;

ווײַל מעג אונדז דער טעות פאַרדריסן און ווייטאָן,
אויף אונדזער געמיט אָנטאָן פענטעס און קייטן,

אַלץ איינס: לאַנג דרעסירט, לאַנג אין נעץ פון רוטינען,
מיר שטיפן, אַזש קוליען זיך, — זשוואַווע דעלפינען...

תּל־אָביב, אויגוסט 1983

הירש אשעראָוויטש

אין איינעם פון די ערגעצוווּען...

אין איינעם פון די ערגעצוווּען וואָס אויף אונדזער ערד,
אונטערן פינטל וואָס בײַ דיר זעניט הייסט,
דו שטייסט און גאַפּסט —
באַוווּנדערסט אַלץ וואָס אַרום דיר,
דאָך בלײַבסט אַ מאמין נאָר אין זיך...

אַ שטערן פאַלט —
צייכנט אַ בויגן וואָס פאַרבינדט
אַן אָרט אַ ווײַטס וואָס קעגן דיר
דערמיט וואָס איבער דיר, אַהינטער דײַן געניק.
צי איז דאָס ניט אַן אויסשטרײַכן דײַן אומפאַרשעמט גדלנות?

ביסט אַלץ נאָך אַזוי אײַנגעגלייבט אין זיך?
פאַר וואָס פאַלט דיר ניט אײַן, אַז ניט אומזיסט עס פאַלן שטערן?

תּל־אָביב, אָקטאָבער 1984

■

אין מײַן שווער געמיט
וויעט פרעמדער צער,
און איך האָב קיין מוט ניט
אים אַרויסצוטרײַבן.

איז עס ווײַל כ'בין מיד?
ניין, דאָס איז דערפֿאַר
וואָס כ'געטרוי מײַן בלוט ניט,
אַז ס'קאָן רויִק בלײַבן:

תּמיד עפּעס פעלט,
שטענדיק עפּעס ציט,
איז דאָך ניט קיין חילוק
וואָס אונדז איז מצער.

ס'מאָנט די האַרבע וועלט,
און דאָס שווערגעמיט
אונטערטעניק סילוקט
גחמאדיקן שטײַער.

תּל־אָביב, אויגוסט 1983

■

ווער קען זאָגן וויפל פרייד
מע באַדאַרף צו ווערן זאַט ?
ווער באַנעמט, אַז גליקלעך זײַן
איז בבֿחינת אַ פּאַראַט ?

ווו איז יענער וואָס באַקומט
פּירסום, און אים מוטיק מײַדט,
ווײַל ער ווייסט, אַז אַכפּערונג
גייט מיט חניפה זײַט בײַ זײַט ?

ווו איז יענער וואָס מיט רעכט
טענהט : ער דעם אמת דינט ?
ווו איז יענער וואָס שטאָטס זיך,
גוטס אַן אַנדערן פאַרגינט ?

ווו איז יענער וואָס הערט לויב
און עס מיגלט אים פון דעם ?
ווו איז יענער וואָס אַנטלויפט
פון זײַן ניט פאַרדינטן שם ?

ווו ? און ווו ? און ווער ? און ווער ?
(אָבער נאָר ניט וועגן זיך).
און דערפאַר אַלץ מער און מער
אין געפּרעג־דזשונגל כ׳פאַרקריך.

תּל־אָביב, פעברואַר 1985

בעסער ניט...

ווען וואָלסט אַצינד, גאָט,
פון דאָס נײַ די וועלט געדאַרפט באַשאַפן,
צי וואָלסטו זי באַשאַפן פונקט אַזאַ
ווי ס'ערשטע מאָל?

און ווען וואָלסטו אינעם טאָג דעם זעקסטן
געמאַכט פאַר אַ געוועלטיקער
אויף דער יצירה דײַנער —
צי דען אויך איצט,
אויך איצטער נאָך דעם מענטש?...

ניין, ענטפער ניט!
כ'האָב מורא פאַר דער תשובה,
איך שרעק פאַר איר זיך
ווי סע זאָל ניט אויספאַלן דער פסק.

יפו, מײַ 1972

טרייסט

דער אומעט איז דאָך נאָר אַ שאָטן
וואָס איז געבוירן
פון דער שײַן — דער פרייד.
און כאָטש ס׳איז יעדער שאָטן
אין דער נאַכט געראָטן,
איז ער צו גלײַך אַן אָרט
וואָס איז באַלײַכט צו ווערן גרייט.

מעג זײַן, ס׳איז אומהיימלער אין אים,
מעג זײַן, ס׳איז קאַלט,
מעג זײַן ס׳איז טונקל;
מעג זײַן דאָס מינדסטע בענקעניש
מע פילט אין אים ווי פײַן.
ס׳איז יעדער שאָטן אָבער אײַנגעפאַסט אין שײַן!

ביי אַ שטעגעלע...

אויף דעם אָ שמאָלן שטעגעלע
האָט קיין מאָל ניט געטראָטן נאָך מײַן פוס.
ווי פיל אַזעלכע סטעזשקעס
זײַנען נאָך פאַראַן אויף אונדזער ערד ?!
עס קומט מיר אויס, אַז טרעטן הייסט:
זיך אָנטרעטן פאַרדראָס,
למאַי עס איז אונדז אַזוי ווייניק
אויף דער ערד באַשערט.

אָט ווען איך פליגל וואָלט געהאַט,
וואָלט אַנדערש אַלץ געווען,
באַהערשט איך וואָלט די גאַנצע ערד —
אי באַרג, אי טאָל, אי לאַנען.
נאָר טראַכטנדיק אַזוי,
האָב איך אַ שפּערעלע דערזען;
ניט שוין זשע דעם אַ פלימײַזל
בין איך מקנא ?...

וועגן...

כל הנחלים הולכים אל הים
קהלת א׳ ז׳

שוועבט אַ וואָלקן און דערזעט אַ טײַך:
„לײַבלעך וואַסער — מײַנס אַ ברודער!
כ׳מוז צו אים פאַרקערעווען זיך גלײַך!״
דאָך דער ווינט האַלט אײַן — האַלט פעסט דעם רודער...

שוועבט דער וואָלקן שוין וווהין דער ווינט אים שיקט,
און דער טײַך איז אָן אַ זײַט פאַרבליבן.
— — — — — — — —
אָפּגעגליקט!
עס האָט דעם וואָלקן אָפּגעגליקט:
פליִענדיק זיך צו דעם ים דערקליבן...

דער לײַכטטורעם

יאָ, דער לײַכטטורעם, ער לײַכט.

ס׳איז אים אָבער כּלל ניט לײַכט
אַט דאָס וואַרפֿן פֿאַסמעס שײַן
אין דער שוואַרצער פֿרעמד אַרײַן
און באַלעקן רק די ווײַט
מיט אַ לעק, וואָס רוף באַטײַט.

ניין! ס׳איז לײַכטן גאָר ניט לײַכט,
ווען דער ים גראָביונגיש קײַכט,
ווען ס׳טוט כוואַליע זיך אַ שטעל,
ווי אַ לעבעדיקע שוועל,
און מע דאַרף פֿון שטורעמס טיף
אויספֿישן אַ מידע שיף.

לײַכט אַרויס ער פֿון דער פֿינצטער,
אַלעמען אַ האָפֿן ווינטשט ער,
ער דאָך ווערט נאָך יעדן שטורעם
אַלץ מער חולשהדיקער טורעם...

און זײַן לײַב פֿון פֿעלדז דאָך שטאַמט.
הײַנט דער מענטש אין אַזאַ שטאַנד?!

מענטש איז נאַריש, צײַט איז קלוג

כ׳זע: אין מיטן העלן פּלאַץ
ליגט אַ שאָטן פון אַ מענטש,
און דער מענטש אַליין ניטאָ איז.

קוק איך צו זיך און איך טראַכט,
צי אָט דאָס, וואָס איך איצט זע,
איז אַ מאָל גאָר ניט קיין טעות...

יאָ, עס איז דער פּלאַץ אַ פּלאַץ,
אויך דער שאָטן איז אַ וואָר.
ווי אַזוי זשע קומט אַהער ער?

שאָטן, שאָטן, שוואַרצער גײַסט,
וואָס ביסט תּמיד מיר ניט ליב,
זײַ מיר איצט אַ העלער לערער!

אמת, שאָטן! — איך געדענק:
אויף אָט דעם אַ שיינעם פּלאַץ
איז אַ דענקמאָל לאַנג געשטאַנען.

האַרט און שלעכטהאַרציק, און בייז
איז זײַן לײַבמוסטער געווען,
מאַכטגיריק, ווי ס׳פּאַסט טיראַנען...

מענטש איז נאַריש, צײַט איז קלוג.
האָט זי ס׳איריקע געטאָן —
דעם אומזיסטן רום צעריבן.

איז דער דענקמאָל מער ניטאָ,
און צו וואָרענען די וועלט
איז זײַן שאָטן דאָ פאַרבליבן...

ווילנע, אָקטאָבער 1968

אויסגעשפּילט...

אויף זײַן אויסגעטרויִמטן וועג
שפּאַנט אַ מידער גייער,
זעט אַלצדינג וואָס אַרום אים
ווי אַדורך אַ שלייער...

וואָס איז ער אַזוי פאַרטראַכט ?
וואָס העלפט שוין זײַן טראַכטן,
אַז ער האָט פאַרטאַכלעוועט
אַ גן־עדן תחתון

און דאַרף איצט זיך חבֿרן
נאָר מיט דער חרטה,
שפּאָטן פון זײַן פאַלשן גאָט
און דעם גאָטס גאַלגאָטע !

תּל־אָביב, יוני 1984

דער זיידע איז מדריך זײַנע אייניקלעך

„געדאַנקען מוז מען זיפּן —
רק אָפּשיידן די קלײַען.
ניט איטלעכע מחשבה
איז ווערט צו הייסן רעיון.

ניט שייך איז דערלאָזן,
סע זאָלן די געפילן
מיט ערנצטע געמיטער
פאַרלײַכטזיניקט זיך שפּילן.

דער לעבנסוועג איז שאָרסטיק,
אַפילו ווען ער גלאַט איז,
דעריבער קען אַ נאַר בלויז
פאַרכלינען זיך מיט פּאַטאָס.

דער קלוגער מײַדט די פּאַסטקעס
פון יאָמערס און עקסטאַזן,
שוין בעסער אויסזען שעלמיש,
ווי גילטן פאַר אַ בלאַזן.

די עכטקייט איז דער אָנווײַז,
ווי מע באַדאַרף זיך פירן,
מען עפּטער זאָל געווינען
און זעלטן־ווען פאַרלירן.

אָט שטייט אַ בוים אין בליִונג,
אָט ליגט אַ בייט באַמיסטיקט,
און ביידע — סאַמע ניגלה,
און סאַמע סאַמע ניסתּר"...

תּל־אָביב, יאַנואַר 1986

דער זקן

אויף דער עלטער ווערט מען קליגער.
קומט די קלוגשאַפט — קומט אום גליק.
וואָס מער מיד סע ווערן גלידער,
ווערט אַלץ ניכטערער דער בליק.

טויזנט וועגן דורכגעגאַנגען,
אויסגעשעפּט אַ ברונעם צײַט,
טעגלעך זיך מיט זיך געראַנגלט,
פּלוצעם: אַלץ איז פרעמד און ווײַט...

הירש אשעראָוויטש

דער פּאַראַנאָישער זקן

זאַבאַבאָנישע קאַפּריזן אין אַ חריפותדיקן קאָפּ —
איז דאָס ניט באַדויערלעכסטער שעטנז?
אין קאַסקאַדן־פּאַל פון לעבנשטראָם אַראָפּ, אַראָפּ, אַראָפּ
שטעקט דער איסור צו פּאַרלאָזן זיך אויף אַ קאַסקאַד־נס.

דאַכט זיך, ס׳איז פון לאַנג, פון לאַנג שוין אַלעמען באַוווּסט,
אַז מע מוז זיך צוגעוווינען, ס׳זאָל ניט אַרן
וואָס אַט שטייט מען ביי אַ בליִענדיקן רויזנקוסט,
און אַט שליאָנדערט מען אין האַרבסטיקע בולוואַרן.

ער אָבער איז ניט בכוח מער פון גלייבעכצן זיך אָפּצוּווערן,
אין זיין מוח — בילדער, כמורנערע פון עדגאַר פּאָס און קאַפקאָס.
זע, עס צוקן מיט מיט זיי די קנייטשן אויף זיין שטערן...
חשדיקייט מיט אַ באַזעסן־זיין געבוירן פּיאָווקעס.

תל־אָביב, נאָוועמבער 1985

ווען די קלעזמער האָבן זיך צעשפּילט...

ווען די קלעזמער האָבן זיך צעשפּילט,
יעדנס קלאַנג האָט זיך אַרײַנגעקוליעט אינעם ניגון,
האָט זיך אויסגעדוכט, עס ברענט די וועלט —
ס׳פּלאַקערט אמת, עס צעשמעלצט זיך ליגן.

אָ, ווי ווויל עס ווערט דעם לעבעדיקן קלאַנג,
ווען ער כאַפּט אַרויס זיך פון די טויטע פּלים
און ער אײַליק פליט אַהין — אַהין,
ווו מע קען שוין ניט פאַרשפּאַרן קיינעם.

קלעזמער, קלעזמער, נעם אין אַכט עס און העלף מיט,
ס׳זאָלן קלאַנגען זיך באַפרײַען קענען,
ס׳זאָלן סטרונע, סמיטשיק און טרומייט
זײַן די אויפברעכערס פון אײַנגעפונדעוועטסטע קלעמען!

זאָל מען זען, ווי נישטיק ס׳איז דער רויטער פּײַערפלאַם
קעגן פלאַם אָנפאַרביקן — דעם ניגון.
שײַנפלאַם בלויז דעם שוואַרצאַפּל צעוועקט,
קלאַנגענפלאַם טוט אַלע גלידער אונדז צעוויגן.

■

זינג אַ ליד איך וועגן אומעט,
וואָס ער איז אַ פרייד געוואָרן;
קומט אַן ערבֿ־פֿרילינג־שטורעם
רײַסט בײַם דאָרן אויס זײַן צאָרן.
ווערט די וועלט אַ טויִק פרישע,
ווערט די וועלט אַ רויִק העלע,
און עס וואַקסן ווײַס די בלומען,
וואָס געצוויטשעט האָבן גרעלע.

הייב איך אויף אַ האַנט אַ גרינגע,
עלעהיי די לופט צו גלעטן,
טוען פינגער פרײַנדלעך פֿאָכען,
ווי זיי וואָלטן געסט פֿאַרבעטן,
הייבן טאַקע אָן גלײַך קומען
גרײַלעך אָנגעלייגטע אורחים —
קלוגע גוטוויליקע רגעס,
וואָס מײַן ליד זיי גאַרן האָרכן.

זעט איר, האַרצעדיקע רגעס
וואָס אַזוינס געזאַנג קאָן אויפטאָן?
בײַ די פייגל כ׳האָב גענומען
דעם אָ מיטל אויסגעפּרוּווטן,
און אַצינד איך זיי שוין לערן
ווי צו לײַטערן געזאַנגען,
אַז פֿון דער נשמהס ריינקייט
זאָלן שפּראָצן די פֿאַרלאַנגען.

אָ, דו ליד פון מוטנעם אומעט
וואָס ביסט אויסגעקלאָרט געוואָרן
און דײַן גרויסקייט האָסט געפֿונען
ווען דײַן עָבֿר האָסט פֿאַרלאָרן,
פֿאַר דעם שלל הערצּיק־טענער —
דײַנע מונטערע מאַזשאָרן,
פֿאַר די טשמאָקענדיקע קלאַנגען —
מעלאַנכאָלישע מינאָרן
וואָס געוואָרן זײַנען ווייכע
אין דער ווייקפֿאַס פֿון בעמאָלן,
גרייט כ׳בין מיט אַ לײַכטן האַרצן
העכסטן בלוטשטײַער צו צאָלן.

אויסגעטראַכטער גאָט...

ס׳איז דײַן גאָט אַן אויסגעטראַכטער
און דערצו נאָך אויך אַ בייזער.
איז דען שייך פֿאָדערן פֿון דיר?
ס׳מוז דײַן שטוב דאָך זײַן אַ טובלע
אָנגעבמורעטע קאַפּליצע
מיט אַן אומפֿרײַנדלעכער
צוגעקלאַפּטער טיר.

פּוסט... ניט צוטריטלעך,
און דאָך ווערן געפּראַוועט
אין איר מעסעס:
שפּינען ריכטן גרויע תּפילות אָפּ
מיט אַ מקריבֿ זײַן קרבנות —
צוטרוייִקע פֿליגן,
און בשעת דעם ריטואַל:
דאָס בלוט צאַפּ־צאַפּ, טראָפּ־טראָפּ!

אויסגעטראַכטער גאָט,
אײַנגערעדטע קדושה,
און דו לעבסט אין מורא.
אימה — אַנשטאָט טראַכטן...

תּל־אָביב, נאָוועמבער 1984

הפקרות־מאַרש

לאָמיר ווילדעווען, לאָמיר גוואַלדעווען,
ברעכן, שמעטערן שטאַכעט און פּלויט.
אונדזער אורהיים איז דער וואַלד געווען
(מאַלפּעפּרייד און חיה־טויט).

צו קנאַפּ זוכן מיר, צו פיל דאַרפן מיר.
ס׳איז אַ קללה אונדזער מי
וואָס מיט איר דעם אומרו שאַרפן מיר,
אָ, מיר — צײַטווײַליקע אורחים הי!

לאָמיר ווילדעווען, לאָמיר גוואַלדעווען —
אַליין ניט וויסן וואָס מע וויל.
אונדזער בריָהן זיך, אונדזער שאַלטעווען —
אָפּגעשפּילטער וואָדעוויל...

תל־אָביב, פעברואַר 1983

ליד וועגן דער גאָלדענער פען

קען ליב זײַן די גאָלדענע פען,
ווען בלײַערן איז דאָס געמיט,
ווען רעגן דערמאָנט אין געוויין,
דער כּתבֿ דערמאָנט שיכּורע טריט?

ניטאָ איז קיין שלווה פאַר דעם
וואָס תּופֿס איז אַלץ נאָר אַזוי
און צוימט פונעם לעבן זיך אָפּ
מיט קראַטעס פון „ווײ!" און פון „אוי!".

די פעדערן ווײכע פון גענדז
געוועזן זײַנען גרינג אויף געוויין,
נאָר זיי האָט די שטאָלענע פען
געראַצט, ווי אַ קריצן מיט ציין.

איצט יאָמערט דאָס נעגעלע גאָלד
(גלאַנץ קאָן ניט פאַרהוילן דעם צער),
ס'איז שפּיריקער ס'גאָלד פון אַ פען
פון גאָלד וואָס באַצירט אַן אַלטאַר.

תּל־אָביב, סעפּטעמבער 1983

דפק־מעטאַמאָרפאָז

ווען גאָט געווען זאָל העלפן אונדז, און ניט דעם רשע,
וואָלט ער דאָך ניט געווען געבליבן אַ בעל־חובֿ אונדז.
ניט רעכט איז זיך דערוועגן
מאָנען ביַי דעם בורא חובֿות,
נאָר מער נאָך איז ניט רעכט זיך צו דערלויבן טענהן:
גאָט איז אַ בעל־עוולה...

ווי גוט איז מיט פּערספּעקטער כּוונה
צו שעפּטשען: „קדוש! קדוש! קדוש!"
און אונטערשפּרינגען פון אַ פרייד
וואָס שפּאַרט ווי לאַווע פונעם האַרצן,
קומט אָבער רק דער ימח־שמוניק — מסית־ומדיח,
וואַרפט זיך אַרויף אויף אונדזער אויסגעפּאַטשט געהער
און איז מחיה זיך וואָס אונדזער שלייפנשלאָג מיר הערן
איצט שוין ניט ווי „קדוש! קדוש! קדוש!", —
נאָר ווי „אוישוויץ! אוישוויץ! אוישוויץ!"

תל־אָביב, יאַנואַר 1985

הירש אָשעראָוויטש

„חוצפּה כּלפּי שמַיָא"...
(נאָר־דער־שואה־שטימונג)

גאָט, וואָס האָסט דײַן וווינאָרט אינעם מענטש,
און דו ליגסט אין אים פֿאַרטײַעט,
גלײַך וואָלסט פֿון פּאָגראָמשטשיקעס זיך אויסבאַהאַלטן,

דורות לאַנג איז די נשמה אונדזערע געווען דײַן פּאַלאַץ,
דאַכט זיך נאָר אין איר האָסטו געקענט זיך שפּירן היימיש,
האָט אָבער דײַן קענען גלײַכגילטיק פֿאַרטראָגן מערדערײַ
זי אַזוי צעטרייסלט און צעשעדיקט,
אַז עס פּאַסט גאָר ניט, זי זאָל פֿאַר דיר אַ מישכּן זײַן.

אַל־נקמות, זאָג ווי ביסטו דאָס אַזוי אָ מילד צו קוילערס און
פֿאַרלענדערס?
ווי איז עס אַזוי אַפּאַטיש דײַן כּל־יכולדיקע יד־חזקה?
ס'מוז דאָך ברענגען צו אַ צווייפֿלען אין דײַן זײַן אַ טובֿ־ומטיבֿ.
נעם אין אַכט דאָס און טו תּשובֿה, אָפּטריניקער מלא־רחמים!

תּל־אָביבֿ, יוני 1983

„געטרײַשאַפט"

דער אומעט — אַ געטרײַער הונט
גייט נאָך מיר טראָט נאָך טראָט
און קוקט מיר אין די אויגן.

פּרוּוו איך אים אָפּטרײַבן פון זיך,
בלײַבט ער אַ ווײַלע שטיין,
קוקט ליבשאַפטלעך מיר נאָך, דעריאָגט
און גייט מיט מיר שוין ווידער זײַט בײַ זײַט.

קאָן איך ניט בײַשטיין זײַן געטרײַשאַפט,
טו אים אַ גלעט, גיב אים אַ פרײַנדלעך פּעטשל,
ווערט ער דערמוטיקט מער נאָך ווי געווען,
נעמט אויפגעהײַטערט אונטערשפּרינגען
ביז ער דערגרייכט אַ לעק צו טאָן מײַן פּנים...

ווערט פײַכט און קיל, ווערט גרוי און וויסט,
ווערט פרעמד און ווײַט די אייגענע נשמה.

תּל־אָביב, 1טן יאַנואַר 1983

איך און מײַן שכנהלע...

מײַן שכנהלע
(די שוואַלב וואָס וווינט אונטער מײַן דאַך),
זי ווייסט גאָר ניט, אַז ס׳זײַנען דאָ
אַ מאַקראָקאָסמאָס און אַ מיקראָקאָסמאָס.
זי ווייסט אויך ניט, אַז איך עס ווייס,
פּײַנט זי זיך אויס פאַר מיר
מיט איר צעשטיפּט פלינק פליִען:
„אָט וואָס איך קען!
אָט וואָס איך קען!!"

און איך —
מיט אַ קאַלט ביטול־שמייכעלע
קוק זילזולדיק אויף איר געפלי,
און כאַפּ זיך, אַז עס טראַכט זיך מיר:
„דו פליסט?
דו פליסט דאָך אָבער בײַ דער ערד,
און מײַן מחשבֿהס פליגל
הייבן אויף מיך איבער אַלע הימלען"...

נאָר פלוצעם גיט זי פאַרבײַ מיר אַ שוועב,
אַ ריב טוענדיק מיט איר פליגעלע מײַן באַק,
און כ׳בלײַב מיט אַ געפיל,
אַז זי דאָס ווילדפלייש — גאווה
האָט פון מיר אַראָפּגעשאָבן.

יפו, אויגוסט 1976

■

אַ שאָד מיר די שעהען, וואָס דאַרפֿן נאָך קומען
און איך וועל זיי ווידער אָן נוצן פֿאַרשווענדן.
עס בריט מיך דער אמת, וואָס כ׳האָב איצט באַנומען
און כ׳קען ניט, ווי ביז הײַנט, זיך ווײַטער פֿאַרבלענדן.

וואָלט זײַן דאָך אַ יושר, — אויב איך שוין פֿאַרשטיי עס, —
כ׳זאָל מער קיין איין רגע אומזיסט ניט פֿאַרצערן.
אַ מענטש, וואָס באַצירט איז מיט זילבערנע פּאות,
וואָלט כלעבן באַדאַרפֿט אַ מאָל קליגער שוין ווערן.

שוין צײַט איז צו וויסן, אַז צײַט איז אַן אוצר —
אַ שטענדיק פֿאַראַנענער און אַן אַנטלויפֿער.
נאָר דער, וואָס באַנעמט עס, מעג הייסן אַן עושר;
זײַן רײַכקייט איז מער, ווי דאָס גאָלד אין לאַנד אופֿיר.

נאָר פּלוצעם מיר דוכט זיך, ס׳טוט עמעץ מיר שעפּטשען:
„ס׳איז אמת, ס׳איז אמת, און דאָך ניט אין גאַנצן!
אַזאַ, וואָס לויט כּללים אַזעלכענע לעבט שוין,
איז אפֿשר אַ גבֿיר, אָבער מער נאָך אַ קמצן!”...

הצלחה...

דער בייזער וואָלקעלאַק — מײַן שווערער אומרו
באַפאַלט אַיעדע ווײַלע טאַטשען
מײַנע גוטמוטיקע כּשרע מחשבֿות,
און איך, ניט קענענדיק אים טייטן,
באַשליס אים שטוביקן.

און עס געראָט מיר אויך, ס׳געראָט:
אָט איז ער שוין אויס וואָלקעלאַק —
פאַרמאָגט ניט מער זײַן פריִערדיקע אויסנאָג־טבֿע
און איז שוין איצט אַ וואָלף,
אַ וואָלף, ווי אַלע וועלף אין וואַלד,

דאָך מיר איז עס אַלץ איינס נאָך קאַרג,
איז שטוביק איך אים, שטוביק ווײַטער —
טו עס מיט האַרץ, געדולד,
התמדה — אַזש מסירת־נפש,
ביז איך דערלעב טאָקע,
סע זאָל דערפרייען מיך הצלחה:

אָט וויעט ער ניט מער,
אָט לעשן זיך די פײַערלעך די וואָלפישע
פון זײַנע אויגן,
און אָט באַלעקט ער שוין מײַן האַנט
און פאָכעט פרײַנדלעך אונטערטעניק
מיט זײַן עק.
אויס וואָלקעלאַק, אויס וואָלף —
אַ הונט! אַ הונט! אַ הונט!

אַזאַ אַ גדולה...

דאָס זאַלץ פון לעבן

דאָס זאַלץ פון לעבן
זעצט זיך עפּטערס אָפּ גראָד אויף אַ ווונד,
ווי קאָן גאָר דעמאָלט זײַן אַ רייד, צי ס'גיט צו טעם ?

דער בייזער פּרעסער — צער
רײַסט אֵבר־מן־החי,
ווי ס'וואָלט גאָר ניט געווען אַן איסור־דאורײַתאָ.

פּאַשעט זיך דאָס לעבן
אויף פּרעמדע לאָנקעס,
קײַט די זיסטע קרײַטעכצער,
דאָך מעלה־גירהט ביטערגראָזן,

און דער נאַרישער האָרעפּאַשניק דפק
ציקאַדעווע : „טשיקאַווע ! טשיקאַווע ! טשיקאַווע !"...

תל־אָביב, יוני 1981

■

אפשר איז גאָר ניט קיין גזר
וואָס אויך דאָס, וואָס מאַניעט אונדז, פאַרגעסט מען.
אפשר איז גאָר אַ געווינס
וואָס ניט אַלע מאָל מען אַלץ באַנעמט.
זײַנען דאָך די שעהען —
דווקא יענע שעהען בעסטע,
ווען קאַפּריז און גלוסטונג
זײַנען צוגעטעמפּט.

הוידען מיך און הוידען
סטײַעס זשוואַווע כוואַליעס.
כ׳פיל זיך, ווי זיי וואַרפן
וואָלטן מיך פון שטראַל צו שטראַל,
און מקוים וואָלטן ווערן
מײַנע יענע טרוימען,
וואָס אַ וועלקן־וואָלקענען־זיך
איז אויף זיי ניט חל.

ניין, עס איז קיין גזר ניט,
עס איז גאָטס געשאַנק גאָר,
וואָס געדענקענדיק
מען רק פאַרגעסט, פאַרגעסט.
קומט אָבער אַ שטורעם,
רײַסט די שיף פון אַנקער,
פאַרבענקען זיך מאַטראָסן
נאָך אַן עווערעסט...

אין עמק־הבכא

דו מיינסט, דער כריין האָט ליב געוויין?
ניט יעדערער, וואָס רופט אַרויס עפּעס, מוז זײַן דערמיט צופרידן.
כּל־זמן מיר וועלן דעם אָ אמת ניט פאַרשטיין,
וועלן דערקוטשען אונדז היסטערישע געפיל־היברידן.

אָט בילט אַ הונט. דאָס זײַנען גוואַלדגעשרייען פון זײַן בלוט.
אים ווילט זיך שׂינאהדיקער פון די זשאַבעס שילטן,
איז ער מחיה זיך מיט זײַן צעווילדעוועטן מוט,
און ס׳ציִען זיך די בייזע ציין זײַנע צו דעם באַבילטן...

אָט זיפצט אַ מענטש — ער גייט פון אַ שפּיטאָל,
ווערט ענג דעם האַרץ, און ס׳ווילט זיך הערן:
וואָס טײַטשט דאָס צוגעשטיקטע שלוכצנדיקע קול
וואָס טוקט אין ווייטיק זיך און ראַנגלט זיך מיט טרערן?

נאָר יענער שלײַכט פאַרבײַ, און מע דערוועגט זיך ניט
צו פרעגן וואָס דאָס נײַגעריקע מיטגעפיל וויל פרעגן.
דאָס אומגליק שפּאַנט פאַרשײַט, עס שטערט זיך ניט און
שרעקט זיך ניט,
און דאָך איז קליינמוטיק זיך צו מתיאש זײַן דערוועגן.

אַ טרער פון צער, אַ פּונעם כריין געררייצטע טרער,
אַ ווילדע ציין־תּאווה, אַ חוצפּהדיק באַבילן.
ווי־ווי, מען איז אויף אונדזער ערד אַ קנאָפּ באַגערטער גר
ווי גוט און אייגנהיימיש מע זאָל זיך ניט פילן.

תּל־אָביב, פעברואַר 1985

הירש אָשעראָוויטש

ס׳זאָל ניט פֿאַרדריסן...

ווײַל יעדע רגע איז פֿאַרהאַפּט און אומפֿאַרהאַפּט,
קאָן מען זי אויפֿנעמען אויף אַלערליי אופֿנים:
זי קאָן זײַן פֿאַרהתחלהט צי פֿאַרסופֿט,
זי קאָן אויך זײַן אַ גרויער בין־הזמנים,

און וועלכן עס באַגעגענען זיך ווירקלעכקייט מיט טרוים
אין אַ צונויפֿגעבראַכטן נעבכטן־מאָרגן־איצטער,
און כאָטש ס׳געראָט אונדז אײַנצוואָרפֿן צוים נאָך צוים,
ווערט יעדנס אָפּגעזונדערט זײַן נאָך צוגעשפּיצטער.

אָוואָ, סאַראַ פֿאַרכאַאָסטער צונויפֿגעמיש
עס אײַנגערעמט איז אין דער געטלעכער האַרמאָניע,
ווו די שיריים־ברעקלעך פֿון גאָטס ברכהדיקן טיש
ליגן פֿאַרקלעמט אין גורלס האַרטער קמצן־דלאָניע.

איז וואָס בלײַבט דעמאָלט איבער נאָך פֿאַר אונדז,
אויב ניט זיך עדערן, למאַי עס ווערט רק בולטער אונדזער ניט וויסן?
ס׳איז מעגלעך, אַז ס׳וואָלט זײַן די העכסטע קלוגשאַפֿט,
גרעסטער קונץ,
סע זאָל אונדזער באַגרענעצט זײַן אונדז ניט פֿאַרדריסן.

תל־אָביב, פֿעברואַר 1985

האַרבסטגעמיט

דער טרער פון לײַדנדיקע פּרעמד איז צבֿיעות.
צי קען דאָס אָבער אונדז אַ טרייסט זײַן,
כּל־זמן עס איז נאָך אונדז ניט קלאָר דער האַרבער אמת,
אַז טרער איז אויסגעבלייכטער טראָפּן פונעם בלוט פון יושר ?

אָ, אַשיק גרויער רעגנדיקער האַרבסטטאָג,
די וואַסערפּראָנדזן פון דײַן ברודנעם הימל
צערוגזט פליאַסקען איבער אונדזערע נשמות
און צווינגען זיי באַגיסן זיך מיט אַנגסטן.

דאָך דווקא איצט, ווען ס׳וואַקסט האַרבסט אין סומנע סקווערן,
ווען ס׳כליפּעט נאַסע ערד אונטער די זוילן,
ווען שטורעם וועקט פון שלאָף די אָפּגעפליקטע ביימער,
אַנטפּלעקט זיך אונדז דער טרייסטנדיקער אמת,
אַז זי, די טרער, איז עס דער שם־המפורש,
וואָס ווערט אַרײַנגעטאָן אין נאָכגיביקן לייִמטייג
אויף אויסצוקנעטן מהר״לישע באַשיצערס.

תל־אָביב, נאָוועמבער 1981

■

צי קאָן מען פֿאַראורטלען די ראָזע פֿאַרנאַכטן
וואָס האַלטן זיך גרויס, ווי זיי זײַן וואָלטן זריחות?
עס איז דאָך זינט בראשית די טבֿע פֿון שקיעה
צו זען אין איר ראָזקייט אַ ראיה פֿאַר יִחוס.

דאָך אָנהייב און סוף זײַנען פֿײַנדלעכסטע סתּירה
(מעג זײַן אויך, זיי זײַנען די זעלבֿיקע רויטע):
ס׳איז איינער אמונה, דער צווייטער איז כּפֿירה
מיט שטראָף פֿאַרן צדיק און שׂכר פֿאַרן חוטא.

און מיר — צווישן ביידע ווי צווישן האַלאַבאַליעס
פֿאַרמאַרעטע טרעטן — גלײַך אָגער און שקאַפּע;
קנאַקט, שמײַסט מיט זײַן בײַטש בייזער אָנטרײַבער — גורל,
פֿאַרגייט עולם־הזה, פֿאַלט אַפּ עולם־הבא...

תּל־אָביב, פֿעברואַר 1983

צו גרינג...

און ווײַל דאָס האָט אַן אומערלעבטער גלאָק געקלונגען,
געוועזן איז מוקצהדיק דערווידער מיר דער קלאַנג.
האָב איך פֿאַרעקשנט מיט מײַן אײַנזען זיך געדונגען
און בין אויף אַ באַוואוסט־פּילן־זיך געוואָרן קראַנק.

אַזוי פֿיל איידעלע, דערהויבן־קלינגענדיקע גלעקער!
הילכט זיי אַריבער אַ גראָביונגיש טומלענדיקער גלאָק —
אַ גלאָק וואָס איז דער בשורה־פּויקער פֿונעם גאָט פֿון שקר,
און מיט זײַן ליאַרעמען פֿאַרשטיינט די העלקייט פֿונעם טאָג.

ווי לעבט מען אין אַ וועלט וואָס איז אַזוי פֿאַרליגנט,
און ווי פֿאַרגינט מען זיך אין איר זיך צו באַפֿאַנצערן מיט רו?
צו גרינג מיר האָבן זיך אין טרייף געזאַנג פֿאַרניגונט,
צו גרינג אַראָפּגענומען פֿון געמיינהייט דעם טאַבו.

תּל־אָביב, דעצעמבער 1982

הירש אשעראָוויטש

אין ווייַנגאָרטן פון טרוימען

ס'איז דער ווייַנגאָרטן פון טרוימען אונדזער, די לוט'ישע, געטריַי,
זייַנע טרויבן שטאַרצן שטענדיק גרייטע ווייַן צו ווערן.
טעג פאַרכמורעטסטע פאַרוואַנדלט ער אין העלע טעג פון מיַי,
פערלט אויס אין אויגן שיכּורע פאַרבענקטקייט־טרערן.

אָט פאַרמאָגט ער עס אַ גבֿורה, דער פאַרשייַטער ווייַן!
ער אין שטאַנד איז אויפצורודערן די פוילסטע בלוטן,
ראָזן לאַק אַרויפצוטאָן אויף גרויקייט וואָס פאַרשטעלט די שייַן,
צוצוגעבן טעם פון אייביקייט די שטערבלעכע מינוטן.

כאָטש דער טרוים איז אָפט אַ שקרן און טיראַן,
און די ענגע רייף פונעם זיך אייַנריידן זייַן קרוין איז,
איז אַ סגולה קעגן דעם אונדז־אָנגעצייכנטן „עד־כּאַן":
דאָס יכולת מענטשלעכע זיך צו פאַרטויבן מיט חזיונות.

יפו, יאַנואַר 1979

צווישן גרוי און גרוי...

שעהען אָנגעגאָסענע מיט בלײַ
רוקן זיך אַזוי קוים־קוים,
אַז ס׳ווערט שווער
די חושים אייגענע געטרויען.

זיצט מען און מע גאַרט אַ טרוים;
פרעגט זיך: סאַראַ ווערט האָט טרוים,
אויב ס׳איז יעדער דמיון
בלוטאָרעמער תּירוץ?!

אויפן הימל אַ געאײַל —
וואָלקנס שמײַען אום פאַרטאָג,
גרויע ווי די שעהען אָנגעגאָסענע מיט בלײַ,
גרוי, דאָך זשוואַווע ווי אַ זונבליאַסק.

אונטן — גרויקייט וואָס איז שטאַר,
אויבן — גרויקייט וואָס יאָגט אום;
ווערט מען צווישן גרוי און גרוי
ווי צווישן מילשטיינער געריבן.

תּל־אָביב, נאָוועמבער 1982

הירש אָשעראָוויטש

כאַטש...

כאַטש דאָס לעבן איז פּסדרדיקער אָנווער,
איז עס דאָך געוויס אַ העל געפינען,
און אין איטלעך ווינקעלע פון דער נשמה
שטעקט אַ געטלעך־תּמציתדיקער זינען.

כאַטש מיר זעען זיך און זיך אין אַלע שפּיגלען,
ווערט ניט אונדזער מראה אונדז דערווידער,
און עס ווערן אויפגערודערטער די חושים,
וואָס מער שלאַבעריק עס ווערן גלידער.

כאַטש מיר זײַנען תּמיד מיט אַ כאַטש געבונדן,
פאַלן מיר ניט צוליב דעם ביז זיך אַרונטער,
מיר — פאַרשקלאַפטע ליבלינגען פון בורא־עולם,
מיר — די וווּנדערווערק וואָס בענקען נאָך אַ וווּנדער.

תּל־אָביב, נאָוועמבער 1982

פּאָעמעס

אַ טאָג

מודה אני לפניך מלך חי
וקים שהחזרת בי נשמתי.

— איך דאַנק דיר, האַר, פאַרן צוריקגעבן מיר מײַן נשמה,
און איך קען װײַטער גיין דעם מיר באַשטימטן
שטרויכלשטייניקן, און דאָך מיר ליבן, וועג,
טאָג־טעגלער פרייען זיך מיט אונדזער ביידנס געבן־נעמען,
און כּלל ניט טראַכטן ווער פון אונדז עס איז דער בעל־פּקדון.
איך דאַנק דיר, גנאַדיקער, פאַרן צוריקגעבן מיר מײַן נשמה!
בשעת איך האָב זי נעבכטן פון מײַן גוף באַפרײַט,
האָב איך גאָר ניט קיין קלער געטאָן, אַז ס׳קען געשען
איך זאָל זי ניט צוריקבאַקומען...
אַצינד פאַרשטיי איך שוין, ווי לײַבטזיניק דאָס איז געווען.
אַ דאַנק דיר, רחמן, וואָס האָסט צוריקגעקערט מיר מײַן נשמה!

— און אפשר דאַרפסטו זי ניט מער?
באַטראַכט זיך גוט.
זי איז במילא דאָך נאָר צײַטווײַליק בײַ דיר.

— אַ האַר, ווי קומט גאָר אויפן זינען דיר אַזוינס?
זי איז מיר טײַערער פון טײַער!
מיך שוידערט אויף, ווען כ׳טו אַ טראַכט,
אַז קומען וועט אַ טאָג, ווען כ׳וועל זי ניט צוריקבאַקומען.
ווי וווּל איז, האַר, וואָס ס׳איז נאָך ווײַט דער טאָג.

— פון וואַנעט ווייסטו, אַז נאָך ווײַט?
עס קען דאָך זײַן, ער נענטער איז פון נאָנט,
און אויך הײַנט גופא האָסט נאָר צופעליק
צוריקבאַקומען דײַן נשמה.

— פון וואַנעט ווייס איך, אַז נאָך ווײַט?
איך גלייב מײַן האַרץ,
עס זאָגט פאָרויס מיר שטענדיק נאָר דעם אמת.

— דעם אמת הערט מען, ווי מע וויל אים הערן,
און בעת מע וועט אים הערן ווי ער איז באמת,
וועט ער ניט האָבן מער קיין האָפּט,
ווײַל ס'וועט שוין זײַן דער קץ געקומען —
די צײַט פון אייביק לעבן...
דאָך לעבן אייביק איז אַ לעבלעך לעבן,
און אויב די צײַטווײַליקייט איז אָט גרין פון וואַקסן,
און אָט ברוין פון וויאַנען,
שפּרייט זיך די אייביקייט — אַ נודנע מלאָסנע גרויקייט...

— האָסט, האַר מײַנער, אַ פּרעכטיקן פרימאָרגן הײַנט באַשאַפן,
האָט ער אין מיר אַ שטראַלנדיקן יום־טובֿ אָנגעצונדן,
און כ'בין געוואָרן אַזוי אויפגעברויזט, אַזוי אַ שטאָלץ און אייטל,
אַז כ'האָב באַקומען מוט און עזות
מיט דיר צו ריידן ווי אַ גלײַכער מיט אַ גלײַכן...

— זײַן גלײַך צו גאָט? באַנעמסטו וואָס דו האָסט געזאָגט?
אַזאַ וואָס איז געוואָרן אויסגעקנאָטן,
זאָל זיך ניט אײַנריידן, ער איז אַ קנעטער!
דו ביסט צו גרויס בײַ זיך,
ביסט להוט כאַפּן מער ווי ס'איז דערלויבט.
דײַן חוצפה איז די פּראָבע פון דײַן אומגעצוימט הפקרות.
פאַרשטיי און פאַרגעדענק, אַז דער
וואָס האָט די פרוכט פון עץ־החיים ניט פאַרזוכט,
זאָל גאָר ניט סמייען טרוימען: ס'וועט אים סטײַען צײַט
אויף צו דערדראַפּען זיך צום שפּיץ פון עץ־הדעת...

— איך ווייס, איך ווייס! איך ווייס דאָך אָבער אויך,
אַז ס'איז די פּרוכט פון בוים פון וויסן
נאָך קיין מאָל ניט בשלמות אויסגעצײַטיקט,
און אַז זי איז ניט אַזוי זיס,
ווי ס'איז די פּרוכט פון בוים פון לעבן.
מע זעט דאָך אָפּנוואָר דעם גרויסן חילוק צווישןביידע ביימער:
די קרוין פון בוים פון לעבן ציט זיך צו דער הייך,
די בלעטער אירע זײַנען שטענדיק גרין
און ס'איז ניט חל אויף זיי דער מוז צו פאַלן.
דערקעגן זשע, דער בוים פון וויסן שפּרייט זיך אין דער ברייט,
האַלט אין איין בײַטן זיך און לאָזט אַרויס כּסדר נײַע בלעטער.
ס'האָט אונדזער מוטער חווה ניט געוווּסט וואָס אויסצוקלײַבן,
און דו האָסט זיך געאײַלט זי צו פאַרטרײַבן פון גן־עדן,
זי ניט באַווײַזן זאָל געגענען אויך צום בוים פון לעבן.

— באַדויערסט רק וואָס ניט גענאָסן האָסט פון עץ־החיים.
דיר פעלט אַלץ אויס דאָס גליק פון לעבן אייביק.
צי פאַלט דיר קיין מאָל גאָר ניט אײַן,
אַז ווען עס וואָלט געווען דיר אייביקייט געגעבן,
וואָלט מיט דער צײַט געקענט דאָך טרעפן,
סע זאָל דאָס אָנסופיקע לעבן דיר דערעסן.
ווי וואָלסטו דעמאָלט אומגליקלעכער געווען,
וואָס פון דער שלמותדיקסטער פאַסטקע — אייביקייט —
ניטאָ איז קיין אַנטרינען!

— האָסט, בורא, מיך באַשאַפן, כ'זאָל באַצירן דײַן יצירה,
וואָלט איך געוויס דערמיט געגרייסט זיך,
ווען דאָס וואָלט פרײַ געווען פון דער כּוונה
איך זאָל דײַן שבחים־זינגער און משרת זײַן.

האָסט מיך אין דײַן געשטאַלט באַשאַפן,
האָב איך פון דיר דאָס האַרטע װעלן הערשן,
די זיכערקייט, אַז אַלע מאָל געערעכט כ׳בין,
דאָס גדלותדיקע זשעדנע זײַן אויף יעדן פּיצל כּבֿוד.
אַוודאי בין איך שטאָלץ װאָס האָסט נאָר מיך —
נאָר מיך אַליין אין דײַן געשטאַלט באַשאַפן.
צי קאָן אָבער מיך פרייען װאָס איך האָב דײַן אָנבליק,
אויב דו מעגסט זייען עוולות װיפל דיר פאַרגלוסט זיך,
און מיר װערט יעדע עוולה מײַנע פאַר אַ זינד פאַררעכנט?

— דו פירסט מיט מיר אַ שמועס װי אַ גלײַכער מיט אַ גלײַכן,
און איך דערלאָז, זאָלסט זאָגן װאָס און װי דו װילסט,
װעט שוין פון דײַנע טענות גופא קלאָר װערן װי דו ביסט נישטיק...
און ס׳קען דאָך נאָך געשען, אויך דו אַליין זאָלסט פּלוצעם אײַנזען,
װי קרום עס איז דײַן פיר און זאָלסט זיך אָפּקערן פון דײַנע זינד...

— דו װילסט דאָך גאָר ניט, איך זאָל פרײַ זײַן פון חטאים,
װײַל װעמען װאָלסטו דעמאָלט שטראָפן?
און דװקא אין דער האַרבקייט פונעם עונש
זעט מען די ראיה פאַר דער מעכטיקייט פון גאָט,
און דעם באַװײַז, אַז ס׳איז אַ חובֿ אים צו בענטשן... —

„געבענטשט זײַ קיניג פון דער װעלט,
װאָס מיט פאַרשטאַנד דו בײַטסט מעת־לעתן,
ענדערסט צײַטן...“

איך װייס דאָך אָבער גאָר ניט ריכטיק װאָס אַזױנס ס׳איז צײַט.
איך האָב זי דאָך בעצם קיין מאָל, קיין מאָל ניט געזען.
װען כ׳זאָל אַ מאָל זי קענען אָנקוקן,
מיט אויגן אייגענע באַטראַכטן און זי שאַצן,
װאָלט איך אפשר פאַרשטאַנען אויך װאָס אייביקייט באַטײַט,

און כ'וואָלט באַשײַמפּערלער דערזען
דעם מאָוימדיקן חילוק צווישן אונדז.
איך — פּלאַטערדיקער קורצדויער,
און דו — פֿאַרגרונטפֿעסטיקטער גלייוועך.

דערווײַל האָט זיך אַוועקגעשלײַכט דער טאָג.
אין תּהום אַרײַנגעפֿלאָסן איז דער רויטער ווייטיק פֿון דער זון.
אומדורכזעיִקע בלויקייט פֿענטעט גלידער און מחשבֿות,
און ווידער דאַרף מען אײַנלייגן די אײַנגעמידיקטע נשמה...

— „געבענטשט זײַ, קיניג פֿון דער וועלט,
וואָס טוסט אַרויף אויף מײַנע אויגן בינדעס שלאָף,
און אויף די וויִעס מײַנע — דרימל".

איז נעם זשע, אייבער־הערשער, מײַן נשמה, נעם —
באַהאַלט ביז מאָרגן אין דער פֿרי זי —
אַ שיימע אָפּגעריבענע
אין דײַן לינת־הצדקישער גניזה.

תּל־אָביב, אָקטאָבער 1985

אויפן ברעג פון ים אַזאָווישן

(פון מײַנע קינדעריאָרן)

עס פֿאָרט אַ גראָבער זאַטער פּאָפּ,
און ס'לויפֿט די טראָיקע [1] באַרג־אַראָפּ,
און טוט פֿאַרקערעווען בײַם ראָג
פֿון געלן שטיינערנעם אָסטראָג [2] —

„מאַרוסיע האָט זיך אָפּגעסמט!"

די גלעקלעך קלינגען: „ניין־ניין־ניין!" —
עס איז דער פּאָפּ דאָ ניט אַליין,
אַ טראָיקע אויך אין שליטן זיצט —
די שווערד פֿונעם איספּראַווניק [3] בליצט,
און אין אַ פֿוטער פֿון אַ בער
דער פּריץ פֿאַלן לאָזט אַ טרער:

„מאַרוסיע האָט זיך אָפּגעסמט!"

ער, ראָסייע מוטערל —
לײַוונטענע אָניצעס,
טיף פֿאַרשנייטע כוטאָרן,
מאָכיקע אָקאָליצעס... [4]

דער מאָנאַרך — דײַן פֿאָטערל
אָן רחמנות פֿאַנעוועט,
פֿול דײַן לײַב מיט בלאָטערן,
און ער דיך ניט שאַנעוועט.

דײַן געמיט פֿאַרטרויערט איז,
דײַנע זין — צעקאַטעוועט,
ס׳זינגען יונגע פּויערטעס
וועגן נויט און קאַטאָרגע...

ער, ראָסייע־מאַטושקע —
פֿינצטערע אימפּעריע,
ליגסט אַן אויסגעמאַטערטע
אויף דער שנייען־פּערענע...

אין פּראַוואָסלאַוונעם רוסן־לאַנד
האָט זיך מאַרוסיע אָפּגעסמט.
פֿאַר וואָס?

אין פּראַוואָסלאַוונעם רוסן־לאַנד
געמאַכט איר נאָמען האָט צו שאַנד
איר באַלעבאָס...

אין פּראַוואָסלאַוונעם רוסן־לאַנד
אונטער געדיכטן צערקווע־קלאַנג
דער שלאָף איז טיף און שווער.

אין פּראַוואָסלאַוונעם רוסן־לאַנד
גייט אויף אַ בלוטיקער פֿאַרלאַנג,
באַפּרוכפּערט פֿון אַ טרער.

ס׳בראַזגען קייטן, ס׳קלינגען גלאָקן
אינעם צאַרן־לאַנד.
ער, דובינושקאַ — מײַן פֿלאָקן,
כ׳האַלט דיך פֿעסט אין האַנט.

ביסט אַ שווערער, אַ געזונטער,
טו זשע בראַוו אַ נעם.
זײַ אַ פֿרײַנד מיר, העלף מיר אונטער
אויפֿברעכן דעם קלעם!

ליב איז שולדיקע צו זוכן,
קום — „דובינושקאַ, העי אוכנעם!"

מאַרוסיע האָט זיך אָפּגעסמט...
איצט מיט אַ ביקס און שטיק [5]
אין אַ פּאַטרול בײַם סמאָלני שפּאַנט
איר זון, דער באָלשעוויק.

אין אַ פּאַפּאַכע [6] שאָפּענער,
פֿאַרגאַרטלט מיט אַ שטריק,
ער שפּרײַזט, ווי ער די האָפֿענונג
וואָלט טראָגן אויף זײַן שטיק...

די ליפּן דאָרשטיק טרוקענע
און גליִענדיק — דער בליק.
די טעג זײַנען מסוכּנע,
ער טראָגט זיי אויף זײַן שטיק...

אַ הענדל אַ געבראָטנס,
אַ הענדל אַ געקאָכטס.
די אַלטע וועלט — צעשאָטן,
די נײַע וועלט — אין בראָך...
אַרויס בין איך שפּאַצירן,
זיך פֿרייען וואָס ס'איז וויסט.
מיך וועט ניט קיינער פֿירן,
איך בין אַן אַנאַרכיסט!...

אַ הענדל אַ געבראָטנס,
אַ הענדל אַ געקאָכטס,
אין באָאס איינגעקנאָטן,
ביים ווילדווילן פֿאַריאָכט...

ניין, ניט סאָוועטיש כ׳בין,
און ניט קאַדעטיש כ׳בין,
אויך ניט קיין שמענדריק קאָמיסאַר.

איך גיי זיך — סתּם אַזוי,
פֿריי זיך — ניט סתּם אַזוי,
כ׳בין דאָך דער קברן פֿונעם צאַר!

אַ הענדל אַ געבראָטנס,
אַ הענדל אַ געקאָכטס.
איך חוזק פֿון געבאָטן
און לאַך פֿון דעם וואָס אָכצט,

דאָך ניט סאָוועטיש כ׳בין,
און ניט קאַדעטיש כ׳בין,
כ׳גיי מיטן הפקר זייט ביי זייט.

כ׳שלעפּ זיך אַרום אַזוי,
כ׳לעב אויס זיך קרום אַזוי,
איך בין דאָס ווילדפֿלייש פֿון דער צייט...

פֿינצטערע מיט שטעכמעסערס אין בוזעם
און בוויאַנישע העוויות,
האַלטן זיך פֿאַר הייסע רוסן
און זיי רעווען ווי די חיות:

„טיי — וויסאָצקי,
צוקער — בראָדסקי,
קרעמל — טראָצקי,
שלאָג די ייִדן, לייז אויס רוסלאַנד!"

און זיי זײַנען אויך מקיים
זייער קוילערישן ווילן
(ס'קאָן ניט אײַנרוען די חיה
ביז ס'וועט בלוט איר בלוט ניט שטילן):

„טיי — וויסאָצקי,
צוקער — בראָדסקי,
קרעמל — טראָצקי,
ראַט אויס ייִדן, לייז אויס רוסלאַנד!"

זיצן ייִדן הינטער שטאַבעס,
הינטער ריגלען, הינטער שלעסער,
דאָך סע הוליען קוילער־לאַפּעס,
ס'רײַסן דורך זיך ביקס און מעסער... —

„טיי — וויסאָצקי,
צוקער — בראָדסקי,
קרעמל — טראָצקי,
„בעי זשידאָוו, ספּאַסײַ ראָסיִיו!"...

אויפן ברעג פון ים אַזאָווישן התלהבֿותט זיך אַ רעדל ייִדן
אויפגערודערט פון אַ בשׂורה־טובֿה־פרייד.
בליקן בליצן, סבֿרות און השערות זידן
(איך דאָך בין צו יונג נאָך צו פאַרשטיין אין וואָס עס גייט).

זײַנען זיי עס דאָ מחדש די לבֿנה?
נייִן, מע זעט ניט, סע זאָל אונטערשפּרינגען ווער...
ניט מע הערט: „שלום־עליכם!", ניט ס'הילכט אָפּ: „עליכם שלום!"
ווערטער אַנדערע — מיר ניט פאַרשטענדלעכע — איך הער.

אויפן ברעג פון ים אַזאַ ווישן התלהבֿותט זיך אַ רעדל ייִדן,
און מײַן טאַטע — ווי אום שׂימחת־תּורה אויפגערוימט.
אַלע זעען פּלוצעם אויס, ווי מע וואָלט זיי פאַרביטן —
חסידיש אויפגעהײַטערט און מקובליש פאַרטרוימט...

טומלט זיך אַ רעדל ייִדן, עונגדיק איבערגעראַשטע,
יעדער איינער גיט זײַן פּירוש, לערנט פּשט,
און ווי אינעם סידור חזרט איבער זיך דער „כּי לעולם חסדו",
חזרן זיי איבער: „באַלפור, נאַציאָנאַלע היים, מאַנדאַט"...

דערקלערונגען:

1. טראָיקע — דרײַ־פערד־געשפּאַן.
2. אָסטראָג — תּפיסה.
3. איספּראַווניק — פּאָליציי־שעף פון אַ קרײַז אין צאַרישן רוסלאַנד.
4. אָקאָליצע — פּלויט בײַם עק פון דאָרף.
5. שטיק — באַגנעט.
6. פּאַפּאַכע — הויכע קוטשמע מיט אַ שטאָפּענעם דעק.

הירש אשעראָוויטש

נאָך אוישוויץ אין אוישוויץ

באַטייליקטע:

משולם — ענערגישער מאַן
חנניה — פאַרייִאושטער זקן
מאַרק — מאָלער (אַטעיִסט)
עזיאל — געאָגראַפיע־לערער (טיף רעליגיעזע נאַטור)
רוחמה — פרוי אין שוואַרצן

ווענדונג

מיט דייַן נאָמען ייִדישן — אַשפּיצין —
ווילט זיך מיר דיך רופן.
וועמען דען געהערסטו, אויב ניט אונדז?
ביסט ניט פוילנס, ווי געפינסט זיך,
ביסט ניט דייַטשלאַנדס,
וואָס האָט דיך פאַרקטלענט,
אונדזערע ביסטו...
אונדזער בראָך און אונדזער אומגליק,
אונדזער פּייַן און אונדזער אומקום,
אונדזער אייביקע, זיך ניט־פאַרהיילנדיקע וווּנד!

אין גאַליציע בייַם טייַך סאָלאַ
איז דער ערדס געמיינסטער שאַנדפלעק
זינט זי האָט גענומען דרייען זיך אַרום דער זון.

לאָמיר אָפּשטעלן דעם קייַלעך,
אָפּהאַלטן אים פון זייַן קרייַזן,
פאַרקאַלייעטע באַקוקן
גרעסטן בלוטפלעק אויף דער ערד.

אַט אָ איז ער, אָט אָ איז ער:
ס'הייסט דאָס שטעטעלע אָשפּיצין,
ס'איז דאָס פּוילישע אָסוויענטשים —
קאָנצענטראַציע־לאַגער אושוויץ —
.KLAU

ניין, איך וויל דיך ניט פאַרהאַלטן.
כ'האָב קיין כּוח ניט צו קוקן
אויפן בלוט־ים וואָס איז טרוקן,
אויף דער רו וואָס איז אַ פעלשונג,
אויפן צבֿיעותדיקסטן צוזאָג —
סאַמע דעמאָנישסטן שקר:
"ARBEIT MACHT FREI"

אַרײַנפיר

און אָפט אין חלום טרעפן זיי זיך ווידער.
פון לענדער ווײַטע קומען זיי זיך פון דאָס ניי צוזאַמען
צוריק הינטער די שטעכדראָטן עלעקטריזירטע,
צוריק אין דער אַרומרינגלונג פון וואַכטורעמס און וואָלפהינט,
צוריק אַהין, פון וואַנעט זיי באַגליקט האָט צו אַנטרינען
און אויסמײַדן דעם גורל פון די אויסגעמאָרדעטע פיר מיליאָן...

איז אָט עס חלומט זיך איעדן פון זיי ווידער:
זיי זײַנען ווידער אַ מאָל אַלע שוין צוזאַמען.
דאָס אָרט איז ניט באַראַק, ניט ראַמפּע, ניט אַפּעל־פּלאַץ,
ניטאָ קיין דײַטשן מער, ניטאָ קיין הינט, ניט די אַסירים,
נאָר זיי אַליין — די עטלעכע פאַרבליבענע יחידים...
זיי זיצן אין אַ בנין גלעזערנעם, גערוימען —
אַ בנין פּרעכטיקן און ליכטיקן ווי אַ לאַמטערן,
און איטלעכער פון זיי צעווייטיקט טראַכט:
„ווו בין איך עס? וואָס איז דאָ פאַר אַ לאַנד?

וואָס איז דאָ פּאַר אַ שטאָט? וואָס איז דאָס פאַר אַ בנין?
כ'געדענק ניט ווען און ווי איך בין אַהער געקומען!"
נאָר באַלד עס ווערט זיי (ווי ס'געשעט אין חלום)
פון זיך קלאָר: דאָס איז דער נײַער אוישוויצער וואָקזאַל —
דאָס אויפן אָרט דעם דאָזיקן
אַזוי ניט פּאַסיק לוקסוסדיקע אָנקומהויז
פאַר מחנות אומבאַזאָרגטע נײַגעריקע פּיליגרימען.

משולם:

מיר קומען אַזוי אָפט זיך דאָ צונויפאַמען,
ווײַל דאָ, אין אוישוויץ, קרייצן זיך די וועגן
פון די געפילן און געדאַנקען פונעם הײַנטצײַטיקן מענטש.
איצט גילט שוין מער ניט די אַמאָליקע צעטיילונג
אויף ערעס צוויי — ביז קריסטוסן און זינט אים.
ניט יעזוס איז די שוועל, נאָר אוישוויץ!
דער צײַטן־לוח האָט באַקומען איצט
אַן אַנדער צווישן־צייכן,
געוואָרן גילטיק איז אַ נײַע צײַטן־טיילונג:
די וועלט ביז אוישוויץ, און די וועלט נאָך איר!

מאַרק:

מיר קומען בײַ דער נאַכט אַהער
אין שווידער־חלום זיך צונויפאַמען.
דאָ איז אַצינד דער פאָקוס פון פּלאַנעט,
דורך וועלכן אַלץ גייט דורך און ברעכט זיך איבער,
און יעדע מענטשלעכע השגה,
און יעדער זינען, רעיון און באַגריף
מוז זײַן געבראַנדיקט מיט דער סיגנע: אוישוויץ!

עוזיאל:

אַ גרויסער גאָט, וואָס האָסט אונדז אַזוי אָפט פאַרלאָזן,
פאַרנעם די דורכגעשמאַרצטע שטים פון דעם
וואָס קאָן ניט אויפֿהערן צו זײַן אין דיר פאַרגלייבט.
דו ווייסט, איך בין אַדורך דעם גרוּליקסטן פון די גיהנומס,
פאַרלאָרן אַלץ —
אי ווײַב, אי קינד, אי האָפענונג, אי ס'גלייבן אין בן־אָדם;
נאָר כ'קלאַמער זיך אין דיר אַזוי ווי פריִער.
איך גלייב אין דיר ניט ווינציקער, באַדײַ נאָך מערער!
איך טו עס, האַר מײַנער, חלילה, ניט פאַרבלענדט,
איך מאַך עס, כ'בין זיך מודה, מיט אַ חשבון:
מיט מײַן בעלנות שטענדיק דיר צו דינען
איך בין גאָר אויסן זיך...
עס האָט די צײַט מיט מיר דעם גרויסן אמת אײַנגעחזרט:
פאַרמאָג איך דיך — בין איך אַ מענטש,
ווער איך דיך אָן — ווער איך אַ חיה...

חנניה:

חנניה רופט מען מיך — ס'האָט גאָט באַגנעדיקט.
וואָס פאַר אַ גאָט, וואָס פאַר אַ גנאָד?
איך קאָן ניט הערן מער די אומווערדיקע טרייסט:
„דיר איז געראָטן ניצול ווערן".
צעשפּאָלטן איז מײַן איך,
און יעדע העלפט זײַנע פאַראַכט די צווייטע.
איך לעב, יאָ־יאָ איך לעב — איך לעב און האַס זיך,
ווײַל כ'ווייס, אַז ס'איז אַ זינד צו זײַן
אַ פּורש פונעם קהלס גורל.
אויף פרעמדן חשבון לעב איך!...

עוזיאל:

אַ ווען ס׳זאָל מעגלעך זײַן באַפרײַען זיך
פון דעם וואָס רופט זיך אוישוויץ! —
ניטאָ קיין אוישוויץ מער,
זי איז גאָר קיין מאָל ניט געווען...
מע קאָן עס אָבער ניט, און אַלע מיר
געהערן צו דעם דור וואָס האָט דעם מענטש פאַרמיאוסט.
אַ געאָגראַפיע־לערער כ׳בין געווען. איצט קומט מיר אויס,
אַז כ׳האָב געצייכנט קאַרטעס,
דער מערדער וויסן זאָל וווּהין צו גיין,
און איך האָב עס אים אָנגעטײַט אויף אוישוויץ.
ווי קאָן מען לעבן מיט אַזאַ געפיל?

מאַרק:

הערט אויף!
דאָס שלאָגן זיך כּסדר אין דער ברוסט: „כ׳בין שולדיק!"
ווערט — אויך בײַם סאַמע ערלעכסטן —
אַ פּאָרטל צו אַנטלויפן פון אַחריות.

עוזיאל:

וואָס פאַר אַ רייד: אַחריות?
נאָך אַלעם דעם וואָס ס׳איז געשען —
נאָך נירנבערג און אוישוויץ —
מוז מען מיט ווערטער אַנדערש זיך באַגיין.
צי איז דען עמעצן פון אונדז אויך איצט ניט קלאָר נאָך,
אַז אוישוויץ האָט אַ סוף געמאַכט צו אַלע עטישע געבאָטן?

חנניה:

ניטאָ איצט קיין געבאָטן מער, פאַראַן בלויז וויטיקן!
ווי קאָן איך לעבן, ווען איך ווייס,
אַז אויך דאָס סאַמע אַבזורדיקסטע נוקם זײַן זיך,

וואָלט מיר קיין טרייסט ניט ברענגען?
ווי קאָן איך שטאַרבן, אַז ליגן וואָלט איך מוזן
אין דער זעלבער ערד, ווו פריער שפּעטער
בלײַבן ליגן אויך די קוילערס?...
ווי קאָן מען דאָס — אַפילו טויטערהייט — פאַרטראָגן?

משולם:
ניט שטופּט אונדז אונטערגעבן זיך דעם יִיאוש!
מיר טאָרן ניט פאַרבלײַבן נאָר קרבנות,
מיר דאַרפן זײַן די וואָרענערס —
דער וועלט פאַרדאָרבענער אַ לער זײַן!

חנניה:
גראָד מיר — די גײַסטיק צעקאַליעטשעטע —
אַ לער דער וועלט,
דער וועלט דער גײַסטיק קרעציקער?
איך קאָן דאָס ניט פאַרשטיין —
אַזוי אַ ניט פאַרשטייין, אַז כ'נעם זיך פילן
ווי איך זײַן וואָלט אַ באַזעסענער,
וואָס קיינער, קיינער האַלט ניט אונטער אים,
קיין איינער שטייט ניט צו צו אים,
און אַלע זעען אים ווי אַ מאַניאַק...

משולם:
מע מוז זיך אויסלערנען פאַרגעסן.

חנניה:
פאַרגעסן? כּל־זמן מיר טרעפן זיך אָט דאָ —
אין דעם אַזוי דערווידערדיק געפּוצטן גלעזערנעם וואָקזאַל
ניט שווער איז פאַרגעסן,
און טרעפן זיך דאָ וועלן מיר געוויס דאָך

ביז צום סוף פון אַלע דורות.
פון אוישוויץ גייט מען ניט אַוועק,
זי איז אַ בראָך וואָס האַלט אָן אייביק...
פאַרשטאַנען האָב איך דאָס שוין דעמאָלט,
ווען ס'האָט דער לאַגערהויפּט באַפוילן: מיך באַשטראָפן,
איך זאָל יסורימען אַ נאַכט אינעם „בעטאָנזאַק״ —

ווי גרוויליק ענג איז זי געווען, די שאַפע פון בעטאָן —
פיר גראָבע בלינדע ווענט
מיט אָן אַרײַנקריך־לאָך בײַם סאַמע דיל...

אַרײַנגעשפּאַרט פון קאָפּאָ אינעם ענגן גרוילן־אַלמער,
כ'האָב זיך דערפילט אַזוי פאַרפּרעסט־פאַרקלעמט,
ווי עס איז נאָר דער קנויט אין חֵלֶב פון אַ ליכט...
„איך בין אַ קנויט, צינדט אָן מײַן קאָפּ!״
האָב איך געריטשעט, און ס'האָט פון מיר אַרויסגעפּלייצט
אַ רוי געיאָמער, וואָס אוממעגלעך געווען איז אָפּצוהאַלטן.
איך האָב געשלוכצט, געשלונגען טרערן און גערעוועט,
עס האָט געווילדעוועט מײַן בליפעריי
וואָס איז געווען דער ווייאויסבראָך פון פילן זיך באַליידיקט —
אַ זײַן באַליידיקט ניט פאַר זיך אַליין בלויז —
אַ שמאַרציק איבערלעבן אַלע עוולות פון דער וועלט.

אָן אומענדלעכע נאַכט אינעם „בעטאָנזאַק״ אָפּגעשטאַנען,
צי וועט דען ווער פאַרשטיין, אַז דאָס קאָן זײַן
דער העכסטער גראַד פון לײַדן,
און אַז פון דאָרט קומט מען אַרויס
שוין קיין מאָל, קיין מאָל ניט צו זײַן מער
דער זעלביקער וואָס איז אַהין אַרײַן?
אַזאַ אַ מאַרך־געביין־און־גלידער־פרעסונג,

ווי קאָן מען עס נאָך דעם דערוועגן זיך צו זאָגן.
מען איז נאָך ביי געדאַנקען קלאָרע ?
אַנטלויפט מען צו דעם הויפּט־יצר — דאָס וועלן לעבן —
און ער ווידער רוקט אונטער זיין משרת — דעם בטחון,
דעם וואָס הגם ער האָט אַזוי פיל שוין געקאָסט מיר,
וואָס כאָטש ער האָט אַזוי פיל מאָל שוין מיך פאַרראַטן,
איך קאָן נאָך אַלץ ניט אים פאַרטרייבן !
און ס'איז פאַר מיר אַליין אַ ווילדער חידוש
וואָס אויך נאָך איצט איך קלאַמער זיך אין אים.

וואָס פאַר אַ פיין קאָן זיך עס גלייכן
צום ווייטיקדיקן וויסן, אַז דער פרעמדער,
וואָס איך באַגעגן צופעליק אין גאַס אים,
פאַרגעסט ניט, אַז מיין בלוט געוועזן איז הפקר ?
מיר דאַכט זיך, אַז ער קוקט מיט גרינגשעצונג אויף מיר.
ער האָט געזען, ווי כ'בין, אַנשטאָט אויף טראָטואַרן,
ווי אַ בעל־חי אין מיטן גאַס געגאַנגען.
ער זעט אַפילו איצט נאָך
געלע לאַטעס אויף מיין ברוסט און רוקן.
ער האַלט, ער האָט געזען מיך אין מיין שיפלות,
כאָטש אין דער אמתן, איז דאָס זיין שיפלות דאָך געוועזן.

משולם :

צי דען זיינען איין קלאָר גאָטס אַלע וועגן ?
נאָך אוישוויץ דאַרף מען צען מאָל מער באַדאַכט זיין.
מיר האָבן דורות לאַנג געגלייבט,
דער מוח מענטשלעכער איז גאָטס אַ מישכן,
ווייזט זיך אַרויס, ער איז דעם טייוולס שענק...

מאַרק:

דאָס שרעקלעכסטע איז דאָך —
ניט וואָס דער מענטש איז זינדיק
נאָר וואָס אויך גאָט אַ שותּף איז צום חטא.
דעריבער קאָן איך שוין ניט מער אויף יושר האָפן
און כ׳קאָן ניט ווײַטער האַלטן אין איין מוזן מײַדן עוולות,
ס׳איז מוקצה מיר דאָס פירן אַזאַ לעבן,
און ווינטשן זיך דעם טויט איז אַ באַליידיקן די אָבֿות.

רוחמה:

דער טויט גאָר אַ באַליידיקונג? כ׳פאַרשטיי דאָס ניט!
פאַר מיר איז ער די סאַמע טיפסטע גאַרונג...

נחמהלע, נחמהלע — מײַן שוועסטערל, מײַן אָפּגעשאָכטענע נחמה,
ס׳האָט גאָט באַשערט אונדז קומען אויף דער וועלט — אַ צווילינג,
האָט מענגעלע אָוועקגערויבט דײַן ריינעם אָטעם,
און מיר האָט ער, דער אַשמדאַי, געלאָזן לעבן,
סע זאָלן פּײַניקן מיך בענקשאַפט און געוויסן...

„רוחמהלע, נחמהלע — מײַן זיסער צווילינג!"
פלעגט האַרצעדיק די מאַמעשי אונדז צערטלען.
פאַר וואָס זשע ביסט נאָר דו, נחמהלע,
געווען זיס פאַרן מעסער,
און מײַן פלייש איז געווען אים אומליב?
אַ צווילינג זײַנען מיר געווען, נחמהלע, אַ צווילינג,
האָט מענגעלע דײַן ליכטיק גופעלע צעטרייבערט
און מיר האָט ער צעשניטן די נשמה...

און איצט? דו ווייסט עס ניט,
מײַן טײַער שוועסטערל פאַרקרבנטס,
אַז שטענדיק, אומעטום, ווו כ׳זאָל זיך ניט געפינען,

ווען כ׳קוק אַן אומבאַקאַנטן מענטש אָן,
נעמט גלײַך מיך מאַטערן די זלידנע צושטייַיקע פראַגע,
צי האָט ער ניט אַ צווילינג־ברודער אָדער צווילינג־שוועסטער,
און כ׳ווער באַזעסן פון אַ מוזן ראָטן: ווו? —
טרעבלינקע? ברוקלין? פראָג? ירושלים? אוישוויץ?
איך ווייס איך ווייס, אַז דאָס איז נאַריש,
נאָר אָן דעם קאָן איך ניט זיך גייטן לעבן...

נאָך ערגער, שוועסטערל מײַנס, איז
ווען כ׳טרעף אין גאַס אַ צווילינג,
ווער רעדט נאָך: מיידלעך צוויי
אין אונדזער דעמאָלטיקן עלטער,
איך ווער אויס איך, פאַרליר פאַרשטאַנד און ווילן,
ווי אַ לונאַטיקער כ׳גיי נאָך זיי פוס־טריט,
סע טרעפט אַפילו, אַז איך גנבֿע צו זיך
און טו אַ גלעט אַ פעלבעלע פון איינערס קליידל,
און ליפּן מײַנע מורמלען בשעת־מעשׂה:
„ביידע! ביידע!... זיי זײַנען דאָך צוזאַמען ביידע!״

כ׳פּיל, שוועסטערל, דו טראַכסט,
אַז ס׳איז ניט גוט וואָס כ׳בין אַהער געקומען
באַווײַזן אַז איך לעב, און דו ניטאָ ביסט.
איך קום אָבער אַהער, ווײַל נאָך ביז איצט מיר דאַכט זיך,
מע קאָן נאָך אויספירן, מיר זאָלן בײַטן זיך מיט אונדזערע גורלות,
און דעמאָלט וואָלט מײַן האַרץ צוריקבאַקומען גאַנצקייט.

חנניה:

מע קאָן ניט, טאַכטערשי, צוריקבאַקומען גאַנצקייט,
און ניט בלויז גאַנצקייט, אויך ניט טרייסט, ניט רו.
מיר, טײַערע, געהערן צו אַ דור וואָס איז פאַרשאָלטן,
סע זײַנען טאַטווירט ניט בלויז אונדזערע אָרעמס,

די לעבנס אונדזערע און די נשמות זײַנען טאַטויִרט.
ניין, ס'איז לחלוטין מיר ניט נייטיק
צוריקצוברענגען אין זכּרון
די אַלע אומצאָליקע טויטן און טאָרטורן,
סע קלעקט, איך זאָל דערמאָנען זיך
די ליידן פון דער נאַכט
וואָס כ'בין אין „שטיינזאַק" אויסגעשטאַנען.
זיי זײַנען ניט אַוועק, איך פיל זיי איצט נאָך!
מײַן לעבן, ווו סע זאָל ניט זײַן און ווו סע זאָל ניט וואָגלען,
בלײַבט אײַנגעקלאַמערט צווישן מענגעלעס פאַרגלייזטן בליק
און אייכמאַנס גלאַז־שטײַג...

משולם:

נאָך אַלץ, וואָס ס'איז געשען,
נאָך אַלץ, וואָס מען איז אויסגעשטאַנען,
נאָך מערדערײַען, וואָס מע האָט מיט אויגן אייגענע געזען,
איז מען פאַרדאָרבן וואָס מע וויל נאָך לעבן,
נאָר מער פאַרדאָרבן נאָך, בשעת מע טענהט, אַז מע וויל ניט.

מאַרק:

פאַר וואָס פאַרדאָרבן?
דער שוידערלעכער עָבֿר אונדזערער
מחייבֿ איז אי וועלן לעבן, אי ניט וועלן.
אָט קומען מיר אַהער נאַכט־נעכטלער,
מיר קאָרטשען זיך פונעם ניט וועלן עס,
און פילן גלײַכצײַטיק, אַז מיר עס ווילן,
ווײַל דער אָ אומזיניקער גלעזערנער וואָקזאַל
דער טויער איז צו אוישוויץ,
און אוישוויץ איז דער פאַרסכּהכּל־שטריך
אונטערן חשבון פון דער מענטשהייטס מעשׂים.
דאָ איז דער פאָקוס פון אַ דול געוואָרענעם פּלאַנעט,

דאָ ברעכט אַלצדינג זיך איבער
און דורך דער לינדז פונעם פאַרגליווערט בלוט
באַקומט די וועלט אַן אויסגעקרימט פאַרגזלנט פּנים.
ניין, אוישוויץ, איז ניט נאָר דער קבֿר פון מיליאָנען,
זי איז דער קבֿר אויך פון גאָטס געוויסן!...

עוזיאל:
הערט אויף!
איך קען אַזוינס ניט הערן!

אַפילו אויב איר גלייבט ניט,
אַז ס'איז דאָ אַ גאָט,
זאָלט איר זיך ניט דערוועגן טראַכטן:
ס'איז ניטאָ קיין גאָטס געוויסן!

ווילנע, אָקטאָבער 1968 און
תּל־אָביב, סעפּטעמבער 1982

פון די יוגנטלידער

געשריבענע מיט פופציק — זעכציק יאָר צוריק

איך טרײַב די נאַכט...

איך טרײַב די נאַכט, ווי אַ קלײן פּאַסטעכל — אַ גרויסן אָקס;
דער אָקס האָט פֿײַערדיקע אויגן.
אַהינטער מיר פֿאַרבלײַבט די שטאָט, פֿאַרבלײַבט די היים,
פֿאַרבלײַבט דאָס הינטל וואָס איך האָב דערצויגן.

סע קוואַקען פֿרעש — דאָס איז דאָס ווײַבע טרעטן פֿונעם אָקס
איבער די זומפּיק הײסע פֿעלדער;
איך שמײַס אים מיטן דינעם רימען — מײַן פֿאַרלאַנג:
נו לויף שוין, לויף; צי עס געפֿעלט דיר ניט, צי עס געפֿעלט דיר!

דעם אָקס געפֿעלט עס ניט,
און ער באַהאַלט די אויגן זײַנע הינטער וואָלקנס.
איך טרײַב די נאַכט, ווי אַ קלײן פּאַסטעכל — אַ גרויסן אָקס,
און זי — מגושמדיקע, פֿינצטערע — מוז פֿאָלגן.

האָסט געזען?

— האָסט געזען אַ מאָל אַ ליד?
— יאָ, איך האָב געזען אַ ליד:
אין מײַן סאָד האָט זיך צעבליט
אַלטער באַרנבוים מיט צוויט.
אויב אָט דאָס איז ניט קיין ליד,
ווייס איך ניט,
ווייס איך ניט!

— האָסט געזען אַ מאָל די פרייד?
— יאָ, איך האָב געזען די פרייד:
אויף אַ רעגן־זאַטער בייט
ט'זיך אַ פלאַטערל געדרייט,
מיט די פליגעלעך געשנייט...
אויב אָט דאָס איז ניט די פרייד,
טוט מיר לייד,
טוט מיר לייד!

— האָסט געזען אַ מאָל דאָס גליק?
— יאָ, איך האָב געזען דאָס גליק:
כ'האָב געזען אַ מענטשנס בליק
רײַסט פון זון אָפּ שטיק נאָך שטיק,
און געפינט עס אין קינדס וויג.
אויב אָט דאָס איז נאָך ניט גליק,
וואָס איז גליק,
וואָס איז גליק?...

שטערנצאָל

כ'האָב אויסגעציילט די שטערן היינט ביי נאַכט.
דו פרעגסט מיך: ווי אַזוי?
גאָר פשוט: איינער און אַ סך.

אַדורך מיין שויב
האָב איך געזען אַ גרויען דאַך,
און פון דעם דאַך אַ שטערן פליט אַרויס.
האָבן די ליפּן מיינע אויסגעמורמלט: „איינס"
און דער געדאַנק האָט צוגעלייגט: „אַ סך",
איז עס געוואָרן: „איינער און אַ סך"...

כ'האָב אויסגעציילט די שטערן שוין געהאַט,
נאָר דאָ איז אויסטערלישס געשען:
דער שטערן, וואָס כ'האָב פליִען אים געזען,
געזען אים הייבן זיך פון דאַך,
איז אויסגעגאַנגען אין דער נאַכט.
ער איז געווען אַ פונק, וואָס איז פון קוימען פון אַ הויז
זיך לעשן אויף דער גאַס אַרויס,
איז ער צעגאַנגען אין דער נאַכט,
און פון די אויסגעציילטע שטערן
איז געבליבן נאָר... אַ סך,
אַ סך און אָן אַ צאָל...

פרייד

איז מײַן פרייד מיר אויסגעוואַקסן גרעסער נאָך פון מיר,
פירט זי, ווי אַ קינד, מיך פאַר דער האַנט.
לויף איך נאָך אַ מונטערער און שפּיר,
ווי סע פּלאָנטערט זיך מײַן שטיפערישער גאַנג.
שפּרינג איך קינדיש אויף די פּלאַטעס פונעם טראָטואַר,
און די פרייד — אי העל, אי האַרצעדיק און גרויס —
שטראָפט מיך ניט: „ביסט, זונעלע אַ נאַר"...

זעץ איך צו זיך אויף אַ גאַניק בײַ אַ הויז.
טוט די פרייד באַלד ווידער מיך אַ צי פאַרויס.

קומט אַנטקעגן אונדז אַ מאַמע מיט אַ קינד:
קורצע הייזלער, לאַנגע זעקלער און אַ רייף,
פאַל איך צו צום קינד פון פרייד אַזש ווילד,
גלעט זײַן קעפּעלע, זײַן פּנימל, זײַן שלייף...

זע: אַ פויגל איז פון בוים אַראָפּ
און געזעצט זיך אויף מײַן גלײַענדיקן קאָפּ,
און אַ רויזנצווײַג האָט זיך פאַרנייגט,
זײַנע בליטן אויף מײַן חברל געלייגט.

שטייען איך און קינד צעשטראַלטערהייט,
הינטער אונדז — זײַן מאַמע און די פרייד.

זומערטאָג

הימל איז אַ נס אַ בלױער.
לאָנקע איז אַ גרינער נס.
זון — דאָס פּנים פֿון אַ פּױער,
רױטבאַקיקן הערקולעס.

אױסטערליש איז ער, דער פּױער:
לײַב — פֿאַרהױלן, קאָפּ — פֿלײצט שײַן,
אַ פֿראָסטאַק געזונטער, רױער
װאָס די גאַנצע װעלט נעמט אײַן

און קװעלט אָן פֿון בײדע נסים
(פֿונעם גרין און פֿונעם בלױ).
קושט די לאָנקע זײַנע פֿיס אים,
װאַשט זײ אײַן מיט יונגן טױ;

לאָבט דער פּױער דאָרפֿיש מונטער,
טרײסלט זיך זײַן העלער לאָק.
אינעם שױס פֿון גרינעם װוּנדער
בליט אַ װײַסע ליליע — טאָג.

■

כ׳וויל פאַרקעמען דײַנע ברעמען
מיט אַ ציטערדיקן פינגער
צאַרט־געטרײַ.

אויף דער וואַנט ליגט בלייך דײַן שאָטן,
און מײַן שאָטן אַ צעקלעמטער
זיצט דערבײַ.

כ׳קלײַב אַ פינגער: דער, צי יענער?
זילבערפענער
הענגט לבֿנה אויס אין גאַס;

און די פינגער פוכיק גרינגע —
אויסגעבענקטע,
אויסגעבלאַסט.

זיי — קרבנות פון לבֿנות:
צניעותדיקע ברעמען
צוויי.

שלווה־שטראָמען מיט דײַן נאָמען
פליסן בלויע
איבער זיי.

ווערן פינגער שוועביק גרינגע,
וואָגלען זאַכטע
אינעם בלוי.

און פאַרקעמען דײַנע ברעמען
מעשׂה לאַנגע, יונגע זאַנגען
פריש געוואַשענע אין טוי.

געזעגענונג

דײַן קאָפּ האָט אויפֿגעהערט צו שײַנען
און זיך פֿאַרלאָשן אין דער נאַכט.
דער צוג האָט הייזעריק געלאַכט,
אַ שיכּורער פֿון שוואַרצע ווײַנען.

דאָס שטאַרע אויג פֿון סעמאַפֿאָרן
האָט, ווי אַ שפּאַרבעראויג געקוקט.
לבֿנה האָט זיך קוים גערוקט —
אַ וווּנד באַשמירט מיט קסעראָפֿאָרם.

די ווײַט פֿארקלאַפּט האָט אַלע טירן.
איך שווער בײַם לײדיקן פּעראָן:
„אויב ס'איז אַנטלאָפֿן דײַן וואַגאָן,
וועל איך פֿון דאַנעט זיך ניט רירן!"

איך בין געשטאַנען און געשטאַנען...
געקומען איז אַ צווייטער צוג,
מיך אָפּלאַכעריש אָנגעקוקט.
איך בין אַוועק — איך האָב פֿאַרשטאַנען.

גלעט אַ ווינטעלע דעם קאָרן

גלעט אַ ווינטעלע דעם קאָרן,
צינדט זיך שטערן נאָך אַ שטערן.
פּונקט אַזוי אויך מײַנע יאָרן
צווישן ווערן און ניט־ווערן.

גלעט אַ ווינטעלע דעם קאָרן,
פֿאַלט אַ שטערן נאָך אַ שטערן.
וועלט — די רויז, איז ווי אַ דאָרן
פֿול מיט שטעכיקע באַגערן.

גלעט אַ ווינטעלע דעם קאָרן,
לעשט זיך שטערן נאָך אַ שטערן.
יעדן טאָג: רק אַ געוואָרן —
אַדערויפֿעלע ניט־ווערן...

„נאַטורמאָרט"

שטייט אַ שטעטל. שטייט אַ געסל. שטייט אַ שטוב.
זיצט אַ מיידל אויפן גאַניק און זי קוקט.

צעפּ פאַרוואָרפן — טויטע שלאַנגען — אויף אַראָפּ.
בלייך דאָס פּנים, אַ פאַרגליווערטער דער קאָפּ...

ווי געקוילעט, האָט דער טאָג זיך אָפּגעעקט,
בין־השמשות האָט די שאָטנס אויפגעוועקט.

זיצט דאָס מיידל אויפן גאַניק און זי קוקט,
ווי די זון, פּונקט ווי איר יוגנט, ווערט פאַרצוקט,

זיצט פאַרגליווערט, ווי געטעסעט פון גראַניט —
איינגעפרוירן יעדער צאַפּל פון געמיט:

סתּם אַ זיצן, סתּם אַ גלאָצן צו דער ווײַט,
אויף אַיענער זײַט פון לעבן און פון צײַט.

ניט קיין חתן, ניט קיין בענקשאַפט, ניט קיין גליק,
ניט קיין יִאוש, ניט קיין שפּרינגען פון אַ בריק.

אַלץ פאַרגליווערט, אַלץ פאַרטײַעט, אַלץ איז שטיל.
שטום געוואָרן איז אין גאַניק אויף די גריל...

„השׂגת־גבֿול"...

דאָס תּמימותדיקע סאָלאָווייעלע קוקט פֿון זײַן נעסט אַרויס און טראַכט:

איך האָב געזונגען און געווען איז נאַכט,
און איצט, ווען ס'איז שוין אויסגערונען מײַן געטרעל,
איז קלאָר און העל...

פֿאַרלאָזן האָט דאָס סאָלאָווייעלע זײַן נעסט
און האָט זיך, ווי אַ גרוי קליין בלעטל, צוגעפּרעסט
צום ערשטן בעסטן צווײַג, און זײַן צעפּלאַמט געפֿיל
אַרײַנגעטאָן אין אַ זײַן שטילער נאָך פֿון שטיל...

זײַן שווײַגן האָט אָבער געוויס דאָך קיינער ניט געהערט,
איז צו באַוווּנדערט ווערן ניט געווען אים מער באַשערט,
און דאָס געווען פֿאַר אים איז איבערסאָלאָווייִש שווער...

נאָר אָט געפּלאַצט האָט די זײַן קעל פֿאַרפֿראָפּנדיקע טרער
און ס'האָט געזאַנג אַ שפּאַר געטאָן מיט קראַפֿט,
ווי ס'שפּאַרט אין פּירות איבערצײַטיקע דער זאַפֿט,
האָט ער קעגן דער זון צעטרעלט זיך און געטרעלט
געטרעלט, געטרעלט, געטרעלט — — — —
צעהעלטן טאָג מיט וווּנדערלעכסטן נאַכטגעזאַנג באַהעלט...

פֿון הימל איז אַ זונענשטראַל אַראָפּ
און האָט אַ קוש געטאָן דעם סאָלאָווייעלע אין קאָפּ.

בין־השמשותדיקס

אַ וואָלקן שוועבט
און זוכט אַן אָרט זיך אויסצוויינען.
עס ליגט געקעפּט
דאָס ליכט אויף סאַמעטענע פּליינען.

דער טאָג פאַרגייט,
און ס'טוט דער וואָלקן אים באַגלייטן,
דאָס האַרץ — אַ בייט
באַדעקט מיט שרײַיק רויטע קווייטן.

די נאָענט דריקט
(מרחקים — אויסגעלאָשן),
פאַלט צו און שטיקט
אַ שטומעניש מײַן לשון —

איך שווײַג, איך שווײַג,
איך שווײַג — — — — —
און אין די שלייפן דונערט.

רעגנליד אין מינאָר

— אויף די שויבן טרערט אַ רעגן.
זאָל איך אפשר איצט דיך פרעגן,
צי דו בלײַבסט בײַ מיר?

— יאָ אַ רעגן, ניט קיין רעגן;
זאָלסט בײַ מיר אַזוינס ניט פרעגן,
עפן אויף די טיר!

אויף די שויבן ליאַפּעט רעגן,
און איך זיץ אַליין.

אויף דער וועלט אַזוי פיל וועגן,
און ס׳פעלט מוט צו גיין...

הײַנט איז דער וועג אַ פֿאַרשנייטער...

הײַנט איז דער וועג אַ פֿאַרשנייטער,
קיינער ט'ניט קומען צוגיין.
הײַנט קען ניט קומען קיין צווייטער,
בלײַבן געוויס מיר אַליין.

הײַנט איז דער וועג אַ פֿאַרשנייטער.
ווײַט איז די שטאָט, ס'בילן הינט,
שטימונג ווערט העלער און ברייטער,
האַרץ זײַנע פֿליגל צעבינדט,

מונטערקייט שטראַלט פֿון מײַן פּנים,
לײַכטקייט — דײַן איטלעכער קער.
שניי האָט פֿאַרשנייט אונדז די שונאים,
צער וועט ניט קומען שוין מער.

דער וואַלד פֿאַרגייט אין פּיִאַלעט...

דער וואַלד פֿאַרגייט אין פּיִאַלעט,
פֿון צווייַגן רינט די שקיעה אָפּ;
פֿון שפּעט ווערט שפּעטער, זייער שפּעט,
איך טונק אין אָוונטבלוי דעם קאָפּ.

איך וואַנדרעווע אַליין אין פֿעלד,
די גאַרבן ווינקען פֿרייַנדלעך צו:
„אַ מאָל האָט ליבט דיר אַלץ געפֿעלט,
אַ מאָל האָט אַלץ געפֿעלט דיר רו,

און איצט, אין שפּעטער נאַכט — אַליין,
און ביידע פֿעלן דיר ניט אויס,
סע פֿילט די רו זיך אין דייַן גיין,
און שייַן שטראַלט פֿון דייַן בליק אַרויס"...

איך שטעל זיך אָפּ און טו אַ גלעט
אַ סנאָפּ אין פֿעלד און פֿיל: ס'איז גליק.
פֿון שפּעט ווערט שפּעטער, זייער שפּעט,
און דאָך וויל איך ניט גיין צוריק...

דער בלינדער

יעדן מאָרגן הייבט דער בלינדער אויף זיך פון געלעגער
און ער זאָגט צו זיך אַליין:
„עס איז שוין טאָג".
יעדן מאָרגן טאַפּט ער מיט די פינגער אָן דאָס ליכט,
נעמט זײַן שטעקן און פּאַוואָלינקע, מיט אַ געהיטן טראָט
איבער טרעפּ און טראָטואַרן אומזיכער ער קריכט.
גאַסן שטייען אָנגעטרונקענע מיט זון,
שויבן שפּיגלען אָפּ אַ גינגאָלדענעם פלעק.
שלײַכט דער בלינדער אַ פאַרגאָסענער מיט זון,
און דער שטעקן גייט פאָרויס און ווײַזט אים אָן דעם וועג.
גייט דער בלינדער אום אין גאַס און טראַכט: „אַ שיינער טאָג,
מיט איעדן גליד מע פילט: עס איז דער הימל ריין".
און ער הערט זיך צו צום שטעקנס אומרויִקן שלאָג
אויפן האַרטן גלײַכגילטיקן לאַוועשטיין.
פּלוצעם שפּירט דער בלינדער, אַז אַ רעגן־טראָפּן פאַלט
אויף זײַן שטערן, אויף זײַן שטעקן, אויף זײַן האַנט;
שעמט ער זיך, וואָס ער האָט זיך גענאַרט,
און בלײַבט שטיין דעם רעגן איבערוואַרטן בײַ אַ וואַנט.
שטייט דער בלינדער בײַ דער וואַנט און וואַרט, און וואַרט,
און וואַרט,
און עס האַלט גאָר ניט בײַ דעם סע זאָל אַ רעגן גיין.
כאַפּט ער זיך, אַז ער האָט ווידער זיך געניאַרט,
און ער לאָזט זיך אַ פאַרשעמטער גיין אַהיים.
„ווו אַ רעגן? — קלערט ער, — ס'קומט גאָר אָן אַ שיינע נאַכט;
ס'מוז דער הימל זײַן איצט אויסגעלײַטערט־ריין".
און דער שטעקן גייט פאָרויס — אַ וואַרע מאַכט,
און אַ רעגן נעמט שוין אויף אַן אמת גיין...

דער פאַרקוילטער בוים

אין מיטן וועג אַ שוואַרצער בוים — אַליין.
ער האָט צעקושט זיך מיט אַ בליץ און איז געבליבן שטיין
אַן אָפּגעקושטער שוין אויף אייביק.
אין מיטן וועג. געווען איז עלנט ער. דער וועג געווען איז שטויביק.
די מרה־שחורה האָט אין זײַן געצווײַג געהויזט,
די יאָר־קרײַזן געפּילט האָט ער ווי פּעטליעס אַרום האַרץ,
און מחמת עלנט און פאַראיבל האָבן זיך אין אים געפּוישט,
האָט ער צעקושט זיך מיטן בליץ און איז געוואָרן שוואַרץ —
שוין שוואַרץ אויף אייביק.
דער וועג איז אַלץ נאָך שטויביק,
און ער, אַ דורכגעקוילטער, שטייט אין מיטן וועג
און פילט אויך איצט — אַ טויטער שוין — זײַן עלנט.
סע פליט פון אים ניט נאָר אַ זינגפויגל אַוועק,
סע מײַדט אויך אויס אַ ראָב אויף אים זיך אָפּצורושטעלן.

דערפאַר, אַז ס׳קומט אַ נאַכט, ווען עס צעהוליעט זיך אַ שטורעם
און ס׳לויפט אַ בליץ איבער דעם לאַנגן וועג און גרינעם פעלד,
ווען ס׳קײַכן דונערן, ווי ווילד געוואָרענע שיכּורים,
סע ווערט דער שוואַרצער בר־מינן צעהעלט.
צעהעלט? — ער ווערט אַליין אַ בליץ אַ רויטער —
אַ מער נאָך רישעותדיקער פונעם פלינקן זיגזאַגדיקן בליץ,
און פון זײַן טרוקנקייט און קרירה טויטער
צעטראָגט אין חלל זיך גיהנומישע היץ;
און ס׳ווייסן ביימער, אַז מע מוז זיך היטן!
סע שפּירן די סכּנה וואָרצלען, קרוין און שטאַם,
זיי פילן, אַז ס׳איז שרעקלעכער פון דעם צעיושעטסטן געוויטער
דער צאָרן אָנגעזאַפּטער מיט פאַראיבל־סם.

קאַפּריטשיאָ

דער וואָלקן איז ניט מײַנער,
די זון געהער ניט מיר.
כ'דערנענטער זיך צום ווײַנער
און קלאַפּ צו אים אין טיר:

„לאָז, פּעטער, מיך אַרײַנעט
און שענק אַ גלעזל ווײַן,
דער וואָלקן איז ניט מײַנער,
פֿאַרשיכּור מיר מײַן פּײַן".

דער ווײַנער עפֿנט טויער,
דער ווײַנער עפֿנט טיר:
„אַראָפּשווענקען דײַן טרויער
געקומען ביסט צו מיר?

דער וואָלקן איז ניט דײַנער,
די זון געהער ניט דיר?
ביסט כּיטרע, אורח פֿײַנער,
און לומפּיש איז דײַן פֿיר".

ער בליצט מיט ציין מיט ווײַסע
און קוקט מיך אָן מיט חשד —
ס'דערמאָנט זיך אים אַ מעשׂה
מיט אַ פֿאַרשײַטן יאַט,

וואָס האָט געוואָלט אים נאַרן
און איז צו אים אַרײַן
פֿאַרגיסן פֿאַלשע צערן
מיט אַ געשנאָרטן ווײַן.

דער וואָלקן איז ניט מײַנער,
די זון געהער ניט מיר,
און אָט דער קאַרגער ווײַנער
ער גלייבט עס נאָך ניט מיר...

שטאָט פון אויבן געזען

דעכער, דעכער, היטלעך.

טרויעריק געמיטלעך
ציט אַ פערד אַ וואָגן.

כ'ווייס ניט, צי ס'נעמט טאָגן,
צי ס'איז אויס דער טאָג.

אָפּגעשטעלט זיך ביי אַ ראָג,
זוכט אַ הונט זיין באַלעבאָס.

דוכט זיך גאָרנישט, דוכט זיך וואָס ?
און סע שווינדלט מיר אין קאָפּ,
און סע ציט אַראָפּ...

HOMO SAPIENS

צופאַל, וואָס מע רופט דיך גורל,
גורל — צונאָמען פון גאָט,
ביַי אַ רייניקייט געשווירן
כ'וואָלט, אַז כ'ווייס דיַין סודות־קאָד.

אַלצדינג איז איצט קליפּ און קלאָר מיר,
ווי ס'וואָלט ליגן אויף דער האַנט,
דאָך עס פּיַיניקט מיך עַד־חָרמה:
כ'בין מיט זיך קוים־קוים באַקאַנט!

מושל, מושל...

מושל, מושל אויפֿן ברעג פֿון אָקעאַן,
ביסט דאָ, פּיצעלע, ניט צופֿעליק פֿאַראַן.

פֿון דעם דורות־לאַנג געפּרעסטן זאַמד
דײַן פֿאַרהאַרנט פֿאַנצערהײַזל שטאַמט.

פֿונעם וואַסער, דורכזעיִק ווי שײַן,
איז דײַן שיטער גופֿעלע פֿון שלײַם,

און מעשׂה קנעפּעלע אויף ריזעדיקן ראַנד
שפּיליעסטו צוזאַמען אָקעאַן מיט זאַמד.

אונטער אַ בליִענדיקער אַקאַציע

שעפּטשען בלעטער קוים צו הערן: נאַכט.

אַלע שוואַרצע אויגן פון דער וועלט
האָבן זיך צונויפגענומען
און אין איינעם זיך פאַרטראַכט.

שלווה גלעט אַ גוססן געשריי:
„זײַ שטיל!"

תּענוג איז פאַלירטער ווייטיק,
רו — אַ ווערפלשפּיל.

טײַענדיק פון בענקשאַפט,
טויכנדיק אין צוויט,
הערן מיר די שטילקייט,
ווי מע הערט אַ ליד.

„יום־טובֿ"

זיצט אַן אַלט פּאָרפּאָלק און וואַרעמט זיך די ביינער קעגן זון.
רופט זיך אָן די אַלטע צו דעם אַלטן:
„יום־טובֿ".
שאָקלט צו דער אַלטער צו זײַן אַלטער:
„יאָ, הײַנט יום־טובֿ"...
קומט אַ ווינטעלע, נעמט זיי אַרום
און אַנטלויפט: „ס'איז גרוי, ס'איז וואָכיק".
שפּילט אַ שטראַל זיך אין דעם אַלטנס באָרד,
וואָס איז פון זיקנה שוין געוואָרן מאָכיק,
קריכט אַרײַן אין טיפע קאַרבן פון זײַן פּנים און פאַרשווינדט...
הערט די אַלטיטשקע, אַ פויגל זינגט;
גיט דעם אַלטן זי אַ צי: „הער צו!"
הייבט דער אַלטער אויף די הענט,
לאָזט צוריק אַראָפּ זיי, אָנגעגאָסענע מיט שווערער רו,
און האָרכט.
איבערביידן טראָגט זיך דורך אַ שטאָרך,
און די ווײַסע האָר דער אַלטעס ווערן שוואַרץ אַ ווײַלע,
און באַלד ווידער — זילבער אין דער זון צעשפּילט...
זיצט די אַלטיטשקע —
אַ קרומער שאָטן פון איר יוגנט, וועלכע איז שוין לאַנג אַוועק
(מיטגעשלעפּט מיט זיך איר שיינקייט האָבן שיינע טעג).
ס'איז איר שווער דאָס זיצן,

שפּאַרט זי אָן איר קאָפּ אין אַקסל פונעם אַלטן;
און דער אַלטער קען זיך אויך שוין מער ניט האַלטן,
שפּאַרט ער אָן זיך אינעם שטעקן,
וואָס ער בווערט זיך אַרײַן אין דר׳ערד.
זיצט מען ביידע, ווי פּאַרגליווערט, און מע קלערט;
אויגן זעען ווײַטע טעג,
גרוי־געוואָרענע פון לאַנגן וועג;
הערצער טוען זיך אין שווערסטער בענקשאַפט אָנטאָן;
און די ליפּן מורמלען: „יום־טובֿ!"... „יום־טובֿ!"...

דרײַ אַשמורות

אויף מײַן טיש — אַ בליאַסקיק װײַסער שטראָם:
ס'פּליסט לבֿנה־מילך און טרינקט מײַן מוח אָן.
שיפּט מײַן פּעדער זיך אָט װי אַ גאָלדענער פּאַראָם,
אָט װי אַ זעגלשיף געשלײַדערטע פון אַ ציקלאָן.

אויף מײַן טיש — אַ בייגעלע פּאַפּיר,
און מײַן פּעדער — אי ניט זיכער, אי געניט —
לויפט באַלד פּשטותדיק, באַלד מיט מאַניר
און לאָזט איבער שוואַרצן סליאַד פון אירע טריט...

כ'זיץ בײַם טיש און בייגעלע און היט,
כ'היט מײַן פּעדערס אויסגעטאַנצטן ליד —
פאַר אַ רויז װאָס בײַ אַ קינדער־גאָרטן בליט,
פאַר לבֿנהס װונק צו אַ פאַרשפּינוועבסטן סופיט.

פון אַהינטער װענט דערטראָגט זיך אַ געהילך,
אויך אין קאַמער מײַנעם הייבט שוין טאָגן אָן —
אויף מײַן טיש, אַנשטאָט לבֿנהס מילך,
גיסט שוין זון בורשטינענעם בוליאָן.

ערבֿ טאָג

אָט וועט, אָט וועט ווערן טאָג —
ס׳וועט די שוואַרצע ציג אַוועק
שפּריצן ווײַסע שטראָמלער מילך
אויף אַ שײַנדאָרשטיקן ברעג.

באַלד שוין, באַלד וועט ווערן העל;
האַרץ נעמט הילכן ווי אַ גלאָק.
ס׳ליגט דאָס גליק שוין פֿאַר דער שוועל —
באַלד וועט, באַלד וועט ווערן טאָג!

יונגשאַפט

האָב איך היינט מײַן פענצטער אויפגעעפנט ברייט,
זאָל די זון אַרײַנפליעסקען דורך אים איר פרייד,
זאָל אַ פויגלס צוויטשערײַ צו מיר אַרײַן,
לופטיקער און זוניקער זאָל זײַן!

האָב איך היינט מײַן העמד צעשפּיליעט ברייט,
זאָל פון ברוסט מײַנער אַרויסשפּאַרן די פרייד,
זאָל מײַן האַרצס געזאַנג — דערפרישט און נײַ —
זיך אַרויסרײַסן: אַ פויגל אויף דער פרײַ!

האָב איך זיך בײַם פענצטער אָפענעם געשטעלט:
פרייד פון האַרץ אַנטקעגן פרייד פון וועלט.
בושעלער געשטווינט האָבן אין נעסט,
זעענדיק דעם ליכטיקן פּאַרמעסט...

דערגרייכונג

פרילינג קאַפּעט פֿון די דעכער,
אין שוואַרצאַפּלען זון זיך שפּיגלט,
זיך צעעפנט ווי די קנאָספּן
האָבן אויער, אויג און האַרץ...

אָט האָבן עס אונדז געפּײַניקט
כמאַרע, קרירה, זאַווערוכע!
דאָך פֿאַר דער אַ הימל־בלויקייט
איז דאָס אַלץ געווען כּדאַי!

אינהאַלט

9 די באַק טראָגט אַט אַ שמייכל, אַט אַ טרער
11 יעדן אינדערפרי...
12 מיר, די זין פון אַ זיך וואַקלענדיקער וועלט
13 צום מענטש פון צוואַנציקסטן יאָר־הונדערט
14 אין וועג (גיי ניט אַוועק אַזוי ווײַט פון זיך)
15 לירישע סך־הכּלען
17 אויפן קאַפּריזנעם שטראָם פון לעבן
18 ■ איך ווייס גאָר ניט צי עס איז רעכט, זײַן אַלע מאָל גערעכט
19 ■ מסתּמא איז דאָך פּאַרט פאַראַן פּאַר וואָס עס ווילט זיך לעבן
20 פּאַרדראָסיק
21 ווי ליב איז אונדז...
22 אנטקעגן שפּיגל
23 „ביידע"...
24 ■ ערגעץ איז פאַראַן אַ מענטש וואָס האָט ליב מײַן בענקען
25 פּרעמד...
26 אין דער שול דער קאַלטער
27 טאַטעס, זיידעס אין די זילבערנע עטרות...
28 מענטש און שטיין
29 ניט געדאַכט זאָל עס ווערן!
30 ■ ווײַל כ'האָב פאַרשטאַנען, אַז עס דאַכט זיך מיר
31 ניט די ערשטע, ניט די לעצטע
32 גלגול־החוזר
34 בין אָדם למקום
35 ■ ווײַל ס'האָט די צײַט אַ טבֿע — זי פאַרגייט
36 העלזעונג
37 מיר טראָגן קיינער ניט די מענטש־הייט אויף די הענט
38 ווער דאַרף דען אַן אַנדערש?
39 אומרו־כוואַליעס
40 אין עולם־התּוהו
41 געהויבנסטער שהחיינו
42 צו אַ דיכטער
43 מיינסט טאַקע, אַז אַלץ איז גאָר־נישט?
44 טעג...
45 צווישן ווײַל און אייביקייט
46 האָב איך ניט פאַרגונען זיך מײַן גוטע שטימונג
47 בענקשאַפט
48 בײַ נאַכט
49 ■ דער בלויער פויגל פון ראָמאַנטיק
50 ■ האָסט קיין מאָל ניט געזען קיין בלויע זון?
51 ■ איך האָב געבראַכט אַ ליכטיקן בוקעט פון ווערטער
52 מאַראַל
53 חלום חלמתּי...
54 ■ קומט אַ מאָל אַ ניגון פון דער ווײַט
55 ווייטיקדיקער אויספיר
56 ■ זינט גאָט האָט זיך אין אונדז באַזעצט
57 „נעשה ונשמע"
59 דער בלינדער עלי בענטשט זײַן קללה
60 פאַרוואַנדלונג (דאָס ווײַסע וואָ־לקנדל)
61 מרור...
62 ■ געטער האָבן ליב צו שטראָפן
63 אויף דער פרײַ...
64 דאָס איינציק ווערדיקע...
65 איך און דאָס זמרל
66 דאָס פאָלקסליד
67 ווען דאָס האַרץ געזאַנג פאַרבעט...

68 ■ ס׳איז דאָס ליד נאָך ניט דער־זונגען

69 אונדזער אַלטער ניגון

70 אין אָרקעסטער

71 ■ וועסטו אויסוויינען דײַן ווייטיק

72 ■ ניטאָ קיין מענטש וואָס איז ניט אַ פאַרבלאָנדזשעטער

73 ■ אַוואַ, ווי ס׳ווילט זיך זײַן יכולת־דיקער

74 ■ מיר זײַנען ניט געווינט צו ציילן די סעקונדעס

75 ווינט

76 דאָס גרויסע שותּפות

77 בײַם אויסגעוואָקסענעם שאָטן

78 שקיעה (שענסטע שקיעה איז ניט מער ווי שקיעה)

79 וווּנדיקער בטחון

80 דער קופּערנער קלאַנג פונעם גלאָק פון הצלחה...

81 ■ געוויס איז ערגעץ ווו פאַראַן אויך אַן אָן פּניותדיקער יושר

82 ■ ראַנגלען זיך אין אונדז דער יצר־טוב און יצר־הרע

83 ■ אין דעם לאַנגן וואָר־און־חלום־בײַט — קורץ לעבן

84 חיי־אָדם

85 מיט האַרציקייט און וווּנד אין האַרצן

86 „ניטאָ פּאַר וועמען"...

87 ■ אין געפּלאַצטן שפּיגל — מײַן זכרון

88 אויסגעליידיקטע זייגערס...

89 גאַווהניק שׂכל־הישר...

90 ■ ס׳האָט אַזוי זיך שוין באַקומען

91 און דאָס איז דער קונץ וואָס איך שטענדיק באַווײַז

92 שפּירעוודיקייט

93 ■ סדנא דאַרעא חד הוא

94 ס׳אַרט מיך ניט...

95 לאָמיר זינגען אַ ליד מיט געשלאָ־סענע ליפּן

96 טוליעט זיך דער ווינט צו מיר...

97 נאָקטורן

98 ■ כ׳האָב דערלויבט זיך פרעגן בײַ דעם גורל שאלות

99 אויפן גרענעץ קודש־חול

100 ■ ווען איך ווייס, אַז ביסט גערעכט

101 צי וואָלסטו באמת באמת געוואָלט עס?

102 ■ כ׳בין מיט אַ מאָל געוואָרן צײַטיק צו דערפילן

103 ■ ווען מע זאָל ניט אַזוי ציטערן איבערן לעבן

104 ■ ווי האָב איך דאָס ביז איצטער ניט פאַרשטאַנען?

105 ■ וואָלט די צײַט געשטאַנען אויף אַן אָרט

106 קינדעריש

107 ■ דער וואָס האָט די פרוכט געגעסן

108 מוסר

109 דאָס הייליקע פשטות

110 ■ האָסטו קיין מאָל ניט געהאַט קיין שמצל פון אַפּיקורסות

111 ■ וואָס שילטסטו דעם אמת פון נעכטן?

112 ■ ווי אומבאַהאָלפן איז די פראַגע

113 שאָטנס

114 יעדער דיכטער

115 צו אַ פרײַנד אַ דיכטער

116 וויכטיקסטער סוד

117 אַ, די געדאַנקען...

118 עד־היום...

119 טאָמער...

120 נעם זיך ניט צום האַרצן

121 געמיט־שיריים

122 אַלץ איז טאַקע צײַטווײַליק און צופעליק...

123 צום אמת

124 על רגל אחת

125 ■ דאָס גרויסע געווינס פונעם גאָר־נישט געפינען

126 אין איינעם פון די ערגעצוווען...

127 ■ אין מײַן שווער געמיט

128 ■ ווער קען זאָגן וויפל פרייד מע באַדאַרף צו ווערן זאַט

129 בעסער ניט...
130 טרייסט (דער אומעט איז דאָך נאָר אַ שאָטן)
131 בײַ אַ שטעגעלע...
132 וועגן...
133 דער לײַכטטורעם
134 מענטש איז נאַריש, צײַט איז קלוג
135 אויסגעשפּילט...
136 דער זיידע איז מדריך זײַנע איי־ניקלעך
137 דער זקן
138 דער פּאַראַנאָיִשער זקן
139 ווען די קלעזמער האָבן זיך צעש־פּילט
140 ■ זינג אַ ליד איך וועגן אומעט
142 אויסגעטראַכטער גאָט
143 הפקרות־מאַרש
144 ליד וועגן דער גאָלדענער פּען
145 דפּק־מעטאַמאָרפאָז
146 „חוצפה כלפּי שמיא"
147 „געטרײַשאַפט"
148 איך און מײַן שכנהלע...
149 ■ אַ שאָד מיר די שעהען וואָס דאַרפן נאָך קומען
150 הצלחה... (דער בייזער וואָלקעלאַק)
151 דאָס זאָלץ פון לעבן
152 ■ אפשר איז גאָר ניט קיין גזר
153 אין עמק־הבכא
154 ס'זאָל ניט פאַרדריסן
155 האַרבסטגעמיט
156 ■ צי קאָן מען פאַראורטלען די ראָזע פאַרנאַכטן
157 צו גרינג...
158 אין ווײַנגאָרטן פון טרוימען
159 צווישן גרוי און גרוי
160 כאַטש

פּאָעמעס

163 אַ טאָג
168 אויפן ברעג פון ים אזאָווישן
174 נאָך אוישוויץ אין אוישוויץ

פון די יוגנטלידער

189 איך טרײַב די נאַכט...
190 האָסט געזען?
191 שטערנצאָל
192 פרייד
193 זומערטאָג
194 ■ כ'וויל פאַרקעמען דײַנע ברעמען
195 געזעגענונג
196 גלעט אַ ווינטעלע דעם קאָרן
197 „נאַטורמאָרט"
198 השגת־גבֿול
199 בין־השמשותדיקס
200 רעגנליד אין מינאָר
201 הײַנט איז דער וועג אַ פאַרשנייטער...
202 דער וואַלד פאַרגייט אין פּיאָלעט...
203 דער בלינדער
204 דער פאַרקוילטער בוים
205 קאַפּריטשיאָ
207 שטאָט פון אויבן געזען
208 HOMO SAPIENS
209 מושל, מושל...
210 אונטער אַ בלײַענדיקער אַקאַציע
211 „יום־טובֿ"
213 דרײַ אשמורות
214 ערבֿ טאָג
215 יונגשאַפט
216 דערגרייכונג

ביכער פון הירש אָשעראָוויטש
אַרויסגעגעבענע אין ישׂראל

צווישן בליץ און דונער

לידער און פּאָעמעס, פאַרלאַג י .ל. פּרץ, תּל־אָביב, 1973
פּרעמירט מיט דער יעקב גלאַטשטיין־פּרעמיע פון אַלוו. ייִד. קולטור־קאָנגרעס, ניו־יאָרק

מיַין פּאָנעוועש

פּאָעמע, אָריגינאַל צוזאַמען מיט דער איבערזעצונג אין עברית פון אַברהם שלאָנסקי
(„פוניבז' שלי"), „איגוד יוצאי פוניבז' בישראל", תּל־אָביב, 1974

אין דער וועלט פון עקדות

לידער און פּאָעמעס, פאַרלאַג „המנורה" תּל־אָביב, 1975
פּרעמירט מיט דער זכריה גאָנאָפּאָלסקי־פּרעמיע, פּאַריז

אוחז הליל ספין כחולה

שירים, הוצאת הקיבוץ המאוחד, אגודת הסופרים העברים, תל־אביב, תשל"ו

געזאַנג אין לאַבירינט

לידער און פּאָעמעס, פאַרלאַג „ישׂראל־בוך", תּל־אָביב, 1977
פּרעמירט מיט דער פערנאַנדאַ כענאַ־פּרעמיע פון ייִד. צענטראַל־קאָמיטעט אין מעקסיקע

תּנך־פּאָעמעס

פאַרלאַג „רשפים", תּל־אָביב, 1979

בלויע בומעראַנגען

לידער און פּאָעמעס, פאַרלאַג „ישׂראל־בוך", תּל־אָביב, 1979

ביַים עץ־הדעת

לידער, פאַרלאַג „ישׂראל־בוך", תּל־אָביב, 1981

וווּנדיקער בטחון

לידער און פּאָעמעס, פאַרלאַג „ישׂראל־בוך", תּל־אָביב, 1987